# דער בלאַט

צייטשריפט פון אלוועלטליכן אָרטאָדאָקסישן אידנטום

# DER BLATT

VOICE OF WORLDWIDE ORTHODOX JEWRY


**וועטער**
פון ניו יארק

| |
|---|
| **דאנערשטאג:** מעגליך רעגן, 60-70 גראד. |
| **פרייטאג:** מעגליך שטורעם, 67-80 גראד. |
| **שבת קודש:** זון און וואלקנעס, 68-80 גראד. |
| **זונטאג:** זון, מעגליך רעגן 67-83 גראד |
| **מאנטאג:** טיילוייז זוניג,ווארעם, פייכט, 62-79 גראד |

**PRICE פרייז**

**$1.25** New York
**$1.50** Other US Cities

| | |
|---|---|
| ארץ ישראל | 14.00 ש״ח |
| קאנאדע | $2.00 |
| ענגלאנד | £1.70 |
| אי-יו | €2.50 |
| אויסטראליע | AU$2.00 |
| ארגענטינע | 4.00 |


**Friday, May 21, '04** — ב״ה, פרייטאג פר׳ במדבר, ר״ח סיון, תשס״ד — **Vol. 5 No. 34 (238)**


# ״שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד״

## האבן אידישע טעכטער אויסגעשריגן ביים אריינווארפן עבודה זרה שייטלען אין פייער

### גאנצע אידישע וועלט אייגעהילט אין געמיינזאמען קנאות דקדושה אויסצוראטן עבודה זרה שייטלען

### סייעתא דשמיא פון פוסק הדור מרן ראב״ד ירושלים שליט״א ראטעוועט דעם דור פונעם מכשול

### אריבער 120 רבנים ביי אסיפת ״התאחדות הרבנים״ באפעסטיגן איסור פון גדולי ישראל שליט״א

ניו יארק.- די טיף-איינגעבאַקענע אמונה טהורה פון כלל ישראל איז במשך די פאַרגאַנגענע וואָך געקומען צו איר פולן שיין, ווען די שערורי׳ מיט די מענטשן-האָר שייטלען האָט דראַמאַטיש אויפגעפלאַקערט אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן, גלאָבאַלן פאַרנעם און די גאַנצע אידישע וועלט מסוף העולם ועד סופו איז איינגעהילט געוואָרן אין איין און אינעם זעלבן זאָרגפולן גאַלאָפּ זיך אָפּצוטרייסלען פונעם איסור תקרובת עבודה זרה ר״ל.

עס איז אָן צווייפל פאַרגאַנגען אַ היסטאָרישע וואָך וואָס קען באַצייכנט ווערן אַלס אַ וואָך פון ״רעוואָלוציע״ ביי כלל ישראל. אַ וואָך ווען טויזנטער אידן און אידענעס האָבן אַרויסגעוויזן גבורה דקדושה און טראָץ די גרויסע געלט-שאָדנס מבער געווען פון זייערע

(פארזעצונג אויף זייט 107)



## הונדערטער נשים צדקניות גענצליך מבער שייטלען נאך מכתב קודש און פייערדיגע דרשות פון כ״ק גאב״ד קרית יואל שליט״א

ניו יארק.- די טיף-איינגעבאַקענע אמונה טהורה פון כלל ישראל איז במשך די פאַרגאַנגענע וואָך געקומען צו איר פולן שיין, ווען די שערורי' מיט די מענטשן-האָר שייטלען האָט דראַמאַטיש אויפגעפלאַקערט אויף אַן און די גאַנצע אידישע וועלט מסוף העולם ועד סופו איז איינגעהילט געוואָרן אין איין און אינעם זעלבן זאָרגפולן גאַלאָפּ זיך אָפּצוטרייסלען פונעם איסור תקרובת עבודה זרה ר"ל.

עס איז אָן צווייפל פאַרגאַנגען אַ ווערן אַלס אַ וואָך פון "רעוואָלוציע" ביי כלל ישראל. אַ וואָך ווען טויזנטער אידן און אידענעס האָבן אַרויסגעוויזן גבורה דקדושה און טראָץ די גרויסע געלט-שאָדנס מבער געווען פון זייערע

(פארזעצונג אויף זייט 107)

# הונדערטער נשים צדקניות גענצליך מבער שייטלען נאך מכתב קודש און פייערדיגע דרשות פון כ"ק גאב"ד קרית יואל שליט"א

אויספירליכער באריכט אויף זייט 106



דער מעמד קידוש השם אין קרית יואל מוצש"ק
ביים פארברענען שייטלען פון תקרובת עבודה זרה

משעם רבותינו הגאוה"צ שרי התורה מרן הגאב"ד והביד"צ שליט"א

# פסק הלכה

בס"ד — כ"ב אייר תשס"ד

הננו בשורותינו אלו בדבר הלכה פסוקה. ידוע שמקובל מדור אחר דור על אנשי הישוב הישן פה ירושלם עיה"ק תובב"א שנהגו כסברת הפוסקים האוסרים לבישת פיאה נכרית לנשים.

מבלי להיכנס למחלוקת הפוסקים זו.

ומבלי להכנס על מה שנפרץ מאד בעוה"ר בדורנו שנשים נשואות לובשות פיאה נכרית שנראות בבתולות שעל לבישת פיאה נכרית כזו אין לזה שום היתר בדברי הפוסקים.

**ועתה באנו לגלות בזה דעתינו דע"ת כי השערות מארץ הודו שמתמם הם מתנגזזים לשם ע"ז בבית תיפלתם הן ותערובתם יש עליהם דין תקרובת ע"ז ואסורים בהנאה מן הדין.**

**ולהשומעים יונעם ותבוא עליהם ברכת טוב.**

וע"ז באעה"ח הביד"צ פעיה"ק ירושלם תובב"א

נאם משה שטרנבוך ראב"ד — נאם משה הלברשטאם
נאם מאיר בראנדסדארפער — נאם אברהם יצחק אולמאן
נאם יצחק טובי' ווייס רב ואב"ד פעיה"ק ת"ו

# התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא

## חוו"ד תורה בענין פאה נכרית משערות הודו (אינדיע)

באסיפה רבתי ממאה ועשרים חברינו הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א היום, אחרי ששמענו עדות נאמנה מאותם שביקרו בארץ הודו (אינדיע) ואחרי מו"מ ארוך של כמה שעות, החלטנו כדלהלן:

כיון שיש חששות גדולות על השערות הבאים משם, משום דין תקרובת עבודה זרה.

**ע"כ אין להשתמש בשום פאה נכרית שיש עליהם חשש שהשערות מקורם הוא מ"אינדיע".**

וכבר יצא מאתנו פס"ד שאסור לאשה לחבוש שום פאה נכרית CUSTOM MADE HUMAN HAIR הנעשית באופן שאין להבחין בין אשה נשואה לבתולה, שכבר אסרוהו גדולי רבותינו נ"ע ולהבחל"ח שליט"א.

אותם המקילים לעצמם לילך עם פאה נכרית,
**צריכים לדקדק שיהי' רק "סינטעטיש"**
שאין בהם תערובות שערות בני אדם, כדי להנצל משערות הבאים מהודו.

**ואין לסמוך על דברי הסוחרים עם פאה נכרית בבירורן אם השערות הם מהודו או לא.**

ויה"ר שנזכה להנצל ממכשולות, ויקוים מ"ש להעביר גילולים מן הארץ והאלילים כרות יכרתון, ותמלך אתה ה"א לבדך מהרה על כל מעשיך בהר ציון משכן כבודך בירושלים עיר קדשך בב"א

יום ד' לסדר במדבר, כ"ח אייר תשס"ד לפ"ק

התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא


אהרן טייטלבוים
רב ור"מ דק"ק
קרית יואל והגלילות
יצ"ו

RABBI ARON TEITELBAUM
5 Sanz Ct. Kiryas Yoel
Monroe, N.Y. 10950
Tel. (845) 783-0994-5


ב"ה

החיים והשלום אל מע"כ תושבי עירנו ק"ק קרית יואל יע"א

הנה כבר נודע דעת אבותה"ק ורבותינו הק' שאסרו ללבוש פאה נכרית (שייטל), והכי נהגו אלפי בנות ישראל החרדים לדבר ה' שאין לובשות שום פאה נכרית כדברי הפוסקים שפאה נכרית אסורה לגמרי.

ובעת נתעורר ע"י הגאון הראב"ד עיה"ק ירושלים ת"ו שליט"א שמלבד האסור יש בהפאה נכרית הבאים מארץ הודו (אינדיע) משום תקרובת ע"ז, ואחר שדברתי בבירור הפרטים עם הגאון רבי מאיר בראנדסדארפער שליט"א חבר הבד"צ, הנני בזה להודיע דעת לכל אנ"ש שיחיו כדלהלן.

אותם הפאה נכרית הבאים מארץ הודו יש בהם דין תקרובת ע"ז ואסור לבת ישראל ללובשן ואסורים בהנאה.

ולכן אין לבת ישראל ללבוש שום מין פאה נכרית הנעשה משערות בנ"א, שלא נתברר בבירורות גמור על אותה הפאה נכרית שאין בה שום תערובות מאותן השערות שמקורם מארץ הודו.

ובזכות שמירת דת קדשינו הרחמן הוא ישרה שכינתו בינינו, ולא ידבק בידינו מאומה מן החרם וגו', והשי"ת יגדור פירצות עמו בית ישראל בביאת גואלינו בב"א.

הכו"ח היום ה' לסדר בחו"ב שנת תשס"ד לפ"ק

**פולע דעקונג פונעם שייטעל סקאנדאל, מיט א שלל פון נייעס באריכטן, ארטיקלען, דרשות, בריוון פון רבנים און גדולי ישראל שליט"א אין די לעצטערע זייטן פונעם היינטיגן נומער**

# "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד"

## האבן אידישע טעכטער אויסגעשריגן ביים ארייננווארפן עבודה זרה שייטלען אין פייער

### גאנצע אידישע וועלט איינגעהילט אין געמיינזאמען קנאות דקדושה אויסצוראטן עבודה זרה שייטלען
### סייעתא דשמיא פון פוסק הדור מרן ראב"ד ירושלים שליט"א ראטעוועט דעם דור פונעם מכשול
### אריבער 120 רבנים ביי אסיפת "התאחדות הרבנים" באפעסטיגן איסור פון גדולי ישראל שליט"א

(פארזעצונג פון זייט 1)

שטיבער אַ חשש תקרובת עבודה
זרה; אַ וואָך ווען דער אַלגעמיינער ענין
פון שייטלען, אַן ענין ביי וואָס די גדולי
הדור עיני העדה באַווייזען שוין יאָרן-
לאַנג מיט טיפן ווייטאָג דאָס גרויס
געפאַלנקייט פון דור, האָט זיך פלוצים
אומגעראָכטן אַ דריי געגעבן לטובה,
און נישט בלויז האָבן טויזנטער און
טויזנטער נשים צדקניות איבערגעלאָזט
די מענטשן-האָר שייטלען, נאָר עס האָט
גאָר געברענגט אַ מאַסיוון צוריקקער
צום אור-אַלטן אידישן לבוש ווען
פרויען האָבן זיך אָנגעטאָן "שפיצלעך"
אויף אַ מאַסן פראָפאָרץ וואָס
מ'געדענקט שווער אין די היסטאָריע.

שוין אַריבער אַ וואָך וואָס שייטלען
איז דער אויסשליסליכער געשפרעך פון
טאָג אין אַלע אידישע צענטערן און דער
מאָמענטום און שפאַנונג איבער די
שערורי' האַלט אָן ביי קינד און קייט.
זאַך-קענער קענען זיך שווער דערמאַנען
פון אַ טעמע וואָס האָט אַזוי לאַנג
דאָמינירט דעם סדר היום. וואו אימער
עס טרעפן זיך צוויי מענטשן אויף די
גאַס נעמט נישט לאַנג און דער שמועס
גייט באַלד אַריבער צו די שייטלען
קאָנטראָווערסיע.

דער אויפרודער וואָס איז שוין
אָנגעגאַנגען אין ארץ ישראל אָנהויב
פאָריגע וואָך, האָט אין אַמעריקע ערשט
אויפגעפלאַקערט מיטן פולן ברען
פארגאנגענעם דאנערשטאג מיט'ן

פוסקים ווערלכע אסר'ן אָנצוטאָן
שייטלען.

אָן אַריינצוגיין אין די מחלוקת
הפוסקים, און אויך אָן אַריינצוגיין אין
דעם וואָס ס'איז ליידער זייער נפרץ
בעוונותינו הרבים אז פאַרהייראַטע
פרויען קליידן זיך מיט שייטלען וואָס
זעען אויס ווי מיידלעך, וואָס אויף
אַזעלכע שייטלען איז נישט דאָ קיין שום
היתר אין די פוסקים.

"ווילן מיר איצט פאַרעפנטליכן
אונזער דעת תורה, אַז די האָר וואָס
קומט פון אינדיע, אז דאָס שטאַמט פון

האָר וואָס מ'שניידט אָפּ לשם עבודה
זרה אין זייער תיפלה, און די
אַריינגעמישטע האָר אין די שייטלען
האָט אַ דין פון תקרובת עבודה זרה און
דאָס איז אסור בהנאה מן הדין."

דאָנערשטאג און פרייטאג זענען די
רבנים ודיינים פון גרעסערע קהלות אין
ניו יאָרק און אַנדערע אידישע מקומות
אַרויסגעקומען מיט מכתבים וקול
קוראים אָנצואווייזן פאַר זייערע קהלה-
מיטגלידער כדת מה לעשות, וואָס האָט
נאָך מער פאַרשפרייט דעם פיבער קעגן
די עבודה זרה'דיגע שייטלען. כ"ק

גאב"ד קרית יואל שליט"א איז צוזאַמען
מיט הגה"צ דומ"ץ קרית יואל שליט"א
געזעצן דאָנערשטאג עטליכע שעה
אויפן טעלעפאָן מיט הגאון האדיר בעל
קנה בושם שליט"א און נאָכן מברר זיין
דעם ענין איז אַרויסגעקומען אַ מכתב
עוז חבֿיון פון רב שליט"א וואָס איז
בליץ שנעל פאַרשפרייט געוואָרן איבער
דער גאָרער וועלט און געשטעלט דעם
טאָן צווישן סאַטמאַרער חסידים את
הדרך ילכו בה.

ענדע וואָך האָט טאַקע די נייעס
אָנגעהויבן דערגרייכן בכל תפוצות

ישראל בגולה, און ווען מענטשן האָבן
אָנגעהויבן באַגרייפן דאָס ערנסטקייט
פון די שאלה, האָט דאָס אויפגעריסן ווי
אַ וואָלקן-בראָך און אַ גלאָבאַלער ערד-
ציטערניש האָט אַרומגענומען כלל
ישראל. מענטשן זענען אויפגעטרייסלט
געוואָרן ביז צו די טיפענישן פון די
נשמה און אויפגעציטערט געוואָרן ווי
שלאַנג-געביסענע נישט קענענדיג
פאַרדייען די מעגליכקייט אז שוין יאָרן
וואָס מ'גייט געקליידעט מיט האָר וואָס
מ'האָט מקריב געווען פאַר עבודה זרה
ד"ל.

נשים צדקניות איבעראַל אין אַלע
אידישע צענטערן איבער דער וועלט
האָבן זיך ספּאָנטאַן אָפגעזאָגט פון די
מענטשן-האָר שייטלען און די אידישע
שייטל-געשעפטן זענען באַלד
פאַרפלייצט געוואָרן מיט מאַסן פרויען
וועלכע האָבן געזוכט איינצוקויפן
סינטעטישע שייטלען, וואָס האָט
געברענגט אַז ביז אַ קורצע צייט איז
שוין נישט געווען צו באַקומען קיין
סינטעטישע שייטלען אין קיין שום
אידישע געגנט.

אין די זעלבע צייט זענען די
טעלעפאָנען פון די שייטל-מאַכערינס
פאַרפלייצט געוואָרן דורך טויזנטער
פרויען וועלכע האָבן אַריינגערופן
געוואויר ווערן אויב זייערע שייטלען
זענען הונדערט פראָצענט סינטעטיש.
מזל'דיג זענען געווען די פרויען וואָס
האָבן פאַרמאָגט, אדער האָבן נאָך

אהרן טייטלבוים
רב ור"מ דק"ק
קרית יואל והגלילות
יצ"ו

RABBI ARON TEITELBAUM
5 Sanz Ct. Kiryas Yoel
Monroe, N.Y. 10950
Tel. (845) 783-0994-5

ב"ה

החיים והשלום אל מע"כ תושבי עירנו ק"ק קרית יואל יע"א
הנה כבר נודע דעת אבותה"ק ורבותינו הקי שאסרו ללבוש פאה
נכרית (שייטל), והכי נהגו אלפי בנות ישראל החרדים לדבר ה' שאין
לובשות שום פאה נכרית כדברי הפוסקים שפאה נכרית אסורה לומרי

מאָמענטום און שפּאַנונג איבער די שערורי' האַלט אָן ביי קינד און קייט. זאַך-קענער קענען זיך שווער דערמאַנען פון אַ טעמע וואָס האָט אַזוי לאַנג דאָמינירט דעם סדר היום. וואו אימער עס טרעפן זיך צוויי מענטשן אויף די גאַס נעמט נישט לאַנג און דער שמועס גייט באַלד אַריבער צו די שייטלען קאָנטראָווערסיע.

דער אויפרודער וואָס איז שוין אָנגעגאַנגען אין ארץ ישראל אָנהויב פאָריגע וואָך, האָט אין אַמעריקע ערשט אויפגעפלאַקערט מיטן פולן ברען פאַרגאַנגענעם דאָנערשטאג מיט'ן ערשיינונג פון "דער בלאַט" וואָס האָט געשטעלט די נייעס פאַר איר וויכטיגסטע פּריאָריטעט און איר געגעבן דעם סאַמע אויבנאָן.

דאָנערשטאג זענען אויך אַרויסגעקומען פרישע מכתבים פון די גדולי ישראל איבער דעם ענין, אין אין צוגאָב צו די מכתבים וואָס זענען שוין ערשינען אָנהויב וואָך פון די פוסקי הדור ושרי התורה הגאון האדיר רבי משה שטערנבוך שליט"א און הגאון האדיר רבי שמואל הלוי וואָזנער שליט"א, און דאָס האָט געברענגט אז ממש אַלע רבנים וגדולי ישראל ומורי הוראה בכל המדינות זענען מיטאַמאָל אַריינגעשלעפּט און באַשעפטיגט געוואָרן אין די האַרבע שאלה, דורך טויזנטער אידן וועלכע האָבן אָנגעפרעגט די שערים המצוינים בהלכה כדת מה לעשות.

צווישן אַנדערע איז דאָנערשטאג ערשינען דער קול קורא פון ביד"צ "העדה החרדית", אונטערגעשריבן דורך אַלע חברי הביד"צ ובראשם כ"ק מרן גאב"ד ירושלים שליט"א. דער ביד"צ וועלכע האָט לכתחילה געקווענקלט אַרויס נישט וועלענדיג געבן אַ "גרינע ליכט" פאַר'ן ענין פון שייטלען בכלל, וואָס איז גע'אסר'ט געוואָרן דורך אַלע רבותינו הגדולים נ"ע. אבער נאָכ'ן דן און זעענדיג אַז דאָ האַנדלט זיך פון אַזאַ האַרבע שאלה חמורה זענען זיי בלית ברירה אַרויסגעקומען מיט'ן פאָלגענדן נוסח:

"עס איז באַקאַנט אַז עס איז אָנגענומען דור נאך דור ביי די איינוואוינער פונעם ישוב הישן אין ירושלים עיה"ק, זיך צו פירן לויט די

Tel. (845) 783-0994-5

יצ"ו

ב"ה

החיים והשלום אל מע"כ תושבי עירנו ק"ק קרית יואל יע"א

הנה כבר נודע דעת אבותה"ק ורבותינו הקי שאסרו ללבוש פאה נכרית (שייטל), והכי נהגו אלפי בנות ישראל החרדים לדבר הי שאין לובשות שום פאה נכרית כדברי הפוסקים שפאה נכרית אסורה לגמרי.

וכעת נתעורר ע"י הגאון הראב"ד עיה"ק ירושלים ת"ו שליט"א שמלבד האמור יש בהפאה נכרית הבאים מארץ הודו (אינדיע) משום תקרובת ע"ז, ואחר שדברתי בבירור הפרטים עם הגאון רבי מאיר בראנסדארפער שליט"א חבר הביד"צ, הנני בזה להודיע דעי"ת לכל אנ"ש שיחיו כדלהלן.

אותם הפאה נכרית הבאים מארץ הודו יש בהם דין תקרובת ע"ז ואסור לבת ישראל ללובשן ואסורים בהנאה.

ולכן אין לבת ישראל ללבוש שום מין פאה נכרית הנעשה משערות בנ"א, שלא נתברר בבירורות גמור על אותה הפאה נכרית שאין בה שום תערובות מאותן השערות שמקורם מארץ הודו.

ובזכות שמירת דת קדשינו הרחמן הוא ישרה שכינתו בינינו, ולא ידבק בידינו מאומה מן החרם וגו', והשי"ת יגדור פירצות עמו בית ישראל בביאת גואלינו בב"א.

הכו"ח היום הי לסדר בה"ב שנת תשס"ד לפ"ק

סינטעטישע שייטלען, וואָס האָט געברענגט אַז ביז אַ קורצע צייט איז שוין נישט געווען צו באַקומען קיין סינטעטישע שייטלען אין קיין שום אידישע געגנט.

אין די זעלבע צייט זענען די טעלעפאָנען פון די שייטל-מאַכערינס פאַרפלייצט געוואָרן דורך טויזנטער פרויען וועלכע האָבן אַריינגערופן געוואויר ווערן אויב זייערע שייטלען זענען הונדערט פראָצענט סינטעטיש. מזל'דיג זענען געווען די פרויען וואָס האָבן פאַרמאָגט, אדער האָבן נאָך באַוויזן אַריינכאַפּן צו קויפן, אַזאַ סינטעטיש שייטל. אדער גאָר זענען די אַנדערע געווען מער מזל'דיג, באַקומענדיג די געלעגנהייט אַרויסצואווייזן העראָאישע גבורות רקדושה און באַשלאָסן אַז מיט אַן עבודה זרה שייטל וועט מען אויף קיין פאַל נישט גיין און מ'וועט ענדערש גיין אָנגעטאָן מיט אַ טיכל, טורבאַן אָדער ענליכע קאָפּ-צורעקן.

אין די טעג האָט מען באַשיינפּערליך אָנגעזען דעם "ישראל קדושים הם" ווען אידן האָבן נישט געוואָלט הערן פון קיין שום היתירים אדער קולות, נאָר הערענדיג אז עס האַנדלט זיך פון חשש עבודה זרה האָט מען זיך באַלד אָפּגעטרייסלט פון די שייטלען מכל וכל.

אָט דעם מסירת נפש האָט מען גוט אָנגעזען ביי פילע נשים צדקניות וועלכע זענען אַרויס געקליידעט מיט טיכלעך און טורבאַנס איינצוקויפן די נייע סינטעטישע שייטלען. טראָץ מ'האָט דאָ און דאָרט געהערט היתירים אויף פאַרשידענע סאָרט שייטלען וואָס מ'וואָלט געקענט נוצן נאָר אויף "עטליכע מינוט" ביז מ'קויפט דעם נייעם שייטל, האָבן די נשים צדקניות זיך נישט פאַרלאָזט אויף די אַלע אויסריידן און וויבאַלד ס'איז געווען אַ ספק האָט מען צוזאַמען מיט'ן שייטל אויך אַוועקגעוואָרפן די בושה און אַרויס אויף די גאַס מיט טיכלעך אדער טורבאַנס.

דאָס מסירת נפש פון נשים צדקניות האָט זיך בפרט אָנגעזען דאָנערשטאג פרייטאָג ווען פילע פרויען זענען אַרויס איינקויפן לכבוד שב"ק מיט טיכלעך,

(פאָרזעצונג אויף קומענדיגע זייט)

# "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד"

## האבן אידישע טעכטער אויסגעשריגן ביים אריינוואַרפן עבודה זרה שייטלען אין פייער

(פאָרזעצונג פון פריערדיגע זייט)

טורבאַנס אָדער סנאָדס. באַזונדער האָט זיך אַרויסגעוויזן דאָס הייליגקייט פון אידישע קינדער ביי די פילע שמחות בלעה"ר וואָס זענען פאָרגעקומען סיי אינדערוואָכן און סיי שב"ק, וואו מ'האָט אָנגעזען פילע פרויען מיט טיכלעך און טורבאַנס און ענליכע סחורה-צודעקן.

פילע פרויען האָבן אויסגעקליבן מקיים צו זיין אין די טעג דעם "כל כבודה בת מלך פנימה" און נישט אַרויס פון שטוב פאַר עטליכע טעג אין אַ צי ביז מ'האָט זיך איינגעהאַנדלט אַן אויסגעהאַלטענעם קאָפּ-צודעק בתכלית הכשרות והצניעות. פרייטאג זענען טאַקע די גאַסן און געשעפטן געווען היבש ליידיג פון פרויען-איינקויפער.

אַ קידוש ה' פאַר זיך איז געווען דער מאַסן התעוררות וואָס האָט אַרומגענומען פילצאָליגע פרויען זיך געזעגענען אָפּצושיידן פון שייטלען פון היינט און ווייטער, און זיך צוריק אָנטאָן דעם אור אַלטן אידישן לבוש מיט וואָס אונזערע באָבעס און עלטער-באַבעס זענען געגאַנגען - "זייד-שפּיצל" אדער "אַראָפּגעבינדן".

זינט ענדע פאָריגע וואָך זענען די שפּיצל-מאַכערינס באַלאַגערט געוואָרן פון פילע פרויען און קענען שווער נאָכקומען דעם פאַרלאַנג פון צושטעלן אַזויפיל פרישע שפּיצלעך אויפאַמאָל. אין קרית יואל האָבן אַריבער הונדערט פרויען זיך אָנגעטאָן זיידן, אויפן הייסן רוף פונעם מרא דאתרא וועלכער האָט פאַרשפּראָכן אויסצוצאָלן די הוצאות פון די ערשטע צען פרויען וואָס וועלן זיך אויסטאָלן סיי וועלכע שייטלען. אויך איבער דער גאָרער וועלט האבן פילע נשים צדקניות זיך אָנגעטאָן זייד,

אז מוצאי שב"ק האָבן עטליכע 'פייערדיגע' תושבי העיר ספּאָנטאַן אָרגאַניזירט אַ פייער פאָרנט פון ביהמ"ד הגדול וואָס האָט באַלד צוגעצויגן טויזנטער מענטשן אנשים נשים וטף פון די גאַנצע שטאָט, און עטליכע שעות נאָכאַנאַנד זענען מענטשן געקומען אַריינוואַרפן שייטלען. עס איז געשאַצט געוואָרן אַז בלויז אין די עטליכע שעה זענען פאַרניכטעט געוואָרן שייטלען אין ווערד פון אַריבער אַ מיליאָן דאָלאַר!

דער פייער אין קרית יואל איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן מיט אַ גרויסן פייער אין וויליאַמסבורג זונטאג נאָכמיטאג וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך חשוב'ע כלל-טוער און עסקנים אויף לי עוועניו קאָרנער ראַדני סטריט, און אויך פאָרנט פון סאַטמאַרער ביהמ"ד אויף ראַדני סטריט. די יונגלעך און בחורים פון מוסדות סאַטמאַר און אויך תלמידות פון בית רחל מיידל שולע אין וויליאַמסבורג האָבן געשטראָמט צו דעם מעמד קידוש ה' און בייגעוואוינט ווי פילע וויליאמסבורגער איינוואוינער זענען געקומען צו לויפן מיט די שייטלען מקיים צו זיין מצות שריפת עבודה זרה. אַנדערע פילצאָליגע איינוואוינער האָבן אויסגעדרוקט באַדויער אז מ'האָט פאַרפאַסט די געלעגנהייט, נאָכדעם וואָס דאָס פייער איז צו שנעל אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך די פּאָליציי און פייערלעשער.

אויך אין פלעצער וואו ס'זענען נישט אָרגאַניזירט געוואָרן קיין שריפות האָבן פילצאָליגע פרויען באַלד אַרויסגעלייגט די מענטשן-האָר שייטלען פון שטוב, הערענדיג דעם דעת תורה פון פילע גדולי ישראל האַלטן אַז יעדע מינוט וואָס מען האַלט די שייטלען אין שטוב איז מען באַזונדער עובר אויף "לא תביא תועבה אל ביתך". פילצאָליגע מענטשן האָבן אַרויסגעשטעלט די שייטלען אינדרויסן פון די טיר, איבערלאָזנדיג אויף הפקר לכל עובר ושב.

די נייעס ווי אידישע קינדער זענען מוותר אויף טויזנטער דאָלאַר שאָדן כדי נישט נכשל צו ווערן אין אַ חשש עבודה זרה האָט געהאַט אַזאַ מעכטיגן אָפּקלאַנג אַז ס'האָט אויך געברענגט אַ קידוש ה' אין די גויאישע פּרעסע, וואו ס'איז געוואָרן אַ העדליין-נייעס אין די מעטראָפּאַליטען שטעט, און פרייטאָג האָט, צווישן אַנדערע, דער פּרעסטיזשפולער "ניו יאָרק טיימס"


בס"ד
קרית יואל בבנינה
"עקספּיריענס און רעזולטאטן" קאמיטע
◆ שתדלנות מיט ערפארונג ◆ ברייטע וויזיע פאר'ן צוקונפט בעז"ה
◆ מינימאלסטע שטייערן ◆ מאקסימאלסטע סערוויסעס
◆ הילף און עסקנות לכלל ולפרט ◆ אפענע טיר פאר אלע איינוואוינער
ווילידזש טראסטי וואלן - י"ג סיון תשס"ד June 2 '04

ווייכטיגע מעלדונג

היות אין בערך 2 וואכן אדום,

מיטוואר פ' בהעלותך

”אַראָפּגעבינדן“.

זינט ענדע פאָריגע וואָך זענען די שפּיצל-מאַכערינס באַלאַגערט געוואָרן פון פילע פרויען און קענען שווער נאָכקומען דעם פאַרלאַנג פון צושטעלן אַזויפיל פרישע שפּיצלעך אויפאַמאָל. אין קרית יואל האָבן אַריבער הונדערט פרויען זיך אָנגעטאָן זיידן, אויפן הייסן רוף פונעם מרא דאתרא וועלכער האָט פאַרשפּראָכן אויסצוצאָלן די הוצאות פון די ערשטע צען פרויען וואָס וועלן זיך אויסטאָלן סיי וועלכע שייטלען. אויך איבער דער גאָרער וועלט האבן פילע נשים צדקניות זיך אָנגעטאָן זייד, בפרט אין ירושלים עיה״ק, און לויט קלאַנגען איז אין גאַנץ ניו יאָרק צוגעקומען אין די פאַרלאָפענע טעג עטליכע הונדערט שפּיצלעך !

דער קלימאַקס פונעם קידוש ה׳ איז זיכער געווען די פייערן וואָס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פילע אידישע געגנטער, וואו אידן האָבן געשפּירט פאַר אַ זכי׳ מקיים צו זיין מצות ביעור עבודה זרה כהלכתה דורך שריפה. עס איז געווען אַן אומבאַשרייבליכע מחזה צו זען ווי אידן וואַרפן אַריין אין די פייערן ווערד פון שווערע טויזנטער דאָלאַרן. טייל משפחות האבן אַריינגעוואָרפן אַזוי פיל ווי פון פינף ביז צען שייטלען, וואָס באַטרעפט אַ פאַנטאַסטישע סומע, אבער איז ווערד קיין פּרוטה אין אידישע אויגן נאָכן הערן אז דאס קומט פון תקרובת עבודה זרה ר״ל.

ביי די פייערן האָט זיך ריכטיג אַרויסגעוויזן דאָס הייליגקייט פון אידישע נשמות. מען האָט געזען אידן און אידענעס אַריינוואַרפן די שייטלען ווען טרערן רינען פון זייערע אויגן און מען לויבט השי״ת אַז מען איז זוכה בייצושטיין דעם נסיון. גאָר התרגשות׳דיג האָבן פילע מענער און פרויען אויסגעשריגן בשעת׳ן ”שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד“, אַרויסברענגענדיג זייערע אינערליכע געפילן אז מ׳וויל מיט דעם אַקט אַרויסצייגן דעם אָפּטרייסלונג פון עבודה זרה ר״ל און דעם טיפן גלויבונג אין אחדות הבורא ב״ה.

אין קרית יואל האָט דער מרא דאתרא כ״ק הגאב״ד שליט״א אַזוי אָנגעוואַרעמט דעם ציבור ביי זיין שיעור אין פרקי אבות שבת נאָכמיטאָג,



---



# וויכטיגע מעלדונג

היות אין בערך 2 וואכן ארום,

## מיטוואך פ׳ בהעלותך

## ולמס׳ JUNE 2

וועט אי״ה פארקומען די

# ווילעדזש טראסטי וואלן

דעריבער ווילן מיר אויפמערקזאם מאכן

## פאר די אלע שטים-בארעכטיגטע

## וואס וועלן נישט זיין דאהי אין דעם טאג,

אז מ׳קען פאראויס אויספילן אן

# ”עבסענטי באלעט“

**צו באקומען אן ””עבסענטי באלעט“ אדער פאר סיי וועלכע פראגן און רעגיסטרעשאן אינפארמאציע, קענט איר רופן:**

# 845-774-3344

**אדער דאס באקומען פערזענליך ביי האברך ר׳ משה ראטה נ״י אין ביהמ״ד הגדול**

וויכטיגע אנווייזונגען:

- צו זיין ערלויבט צו שטימען דורך אן עבסענטי בעלאט, איז נאר אויב דער וויילער געפונט זיך נישט אין קרית יואל בשעת די וואלן, אדער אויב עס איז אים נישט מעגליך צו קומען פערזענליך צוליב געזונטהייט סיבות.
- אויב געפונט זיך למעשה דער פערזאן אין קרית יואל בשעת די וואלן, דאן ווערט זיין עבסענטי בעלאט ארויסגעווארפן.
- אן אפליקיעשאן צו באקומען א עבסענטע בעלאט קען מען אריינגעבן ביז איין טאג בעפאר די וואלן, (ולמס׳ JUNE 1). די עבסענטי בעלאט זעלבס קען מען איבערגעבן (דורך א שליח) ביז 9:00 בייינאכט (JUNE 2) ביים שטים פלאץ אין זאל פון עזרת חולים.

מיט דאנק, **די קאמיטע**

# "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד"

## האבן אידישע טעכטער אויסגעשריגן ביים אריינווארפן עבודה זרה שייטלען אין פייער

ברייט און פאזיטיוו באריכטעט די נייעס אויף די פאדערשטע זייט פון איר צייטונג.

שב"ק אין די בתי מדרשים זענען פילצאליגע פרויען געקומען געזעגנען אראפגעבונדן וואס האט געגעבן אן ערנסטער געפיל פון די ימים נוראים. דער מצב אין עזרת נשים איז געווען גאר ריינד. פאר פילע עלטערע פרויען זענען געקומען טרערן פון די אויגן זעענדיג ווי עס הערשט אזא אויפוואכונג זיך צוריקצוקערן צום אמאליגן אידישן וועג.

במשך דעם שב"ק האבן די רבנים אויפגעטרעטן מיט פייערדיגע דרשות מעורר צו זיין דעם ציבור איבער דעם חומר הענין, די פלאמפייערדיגע דרשות האבן געמאכט א גרויסן רושם אויף אויף די אנדערע פרויען וועלכע האבן זיך נאך דערוייל פארלאזט אויף פארשידענע שמועות פורחות באוויר אז די אדער יענע סארט שייטלען זענען כשר אבער זענען איצט אנגעווארעמט געווארן פון די פייערדיגע דרשות און מיטגעשלעפט געווארן דורך אן אינערליכן "קנאת סופרים" אויף די ערליכע פרויען וועלכע האבן שוין גובר געווען דעם נסיון.

דאס האט זיך גוט אנגעזען זונטאג ווען ס'איז אנטשטאנען אן אויסטערלישער געלויף צו די גויאישע געשעפטן איבער גאנץ ניו יארק איינצוקויפן די גאר ביליגע סינטעטישע שייטלען, וואס זענען אן צווייפל פולקאם סינטעטיש. דאס האט ווידער געשאפן א קידוש ה' ווען די גויאישע אייגנטומער האבן באוואונדערט די לאנגע רייעס אידישע פרויען וועלכע האבן פלוצלינג באלאגערט זייערע ...

רב שליט"א מבאר געווען דעם ענין מיט א געוואלדיגן היקף, אנגעהויבן פון די סאמע שורשי הלכה, אריבער צום מציאות הדברים ביז צו דברים עומדים ברומו של עולם ויורדים לחדרי בטן לעורר את הלבבות בעניני צניעות ואמונה, און האט דערביי אויך ארויסגעברענגט א שמועס מיט איינעם פון די גדולי הרבנים אין ניו יארק, אויף וועמען פילע האבן זיך סומך געווען מיט היתירים, אז פאר אידן יראים ושלמים החרדים לדבר ה' איז נישט פארהאן קיין שום היתר אויף קיין שום האר-שייטלען פון סיי וועלכן מקום און אויף סיי וועלכן אופן.

פונעם טיפן ערנסקייט וואס איז געליגן אויסגעגאסן אויף די פילע טויזנטער צוהערער בשעת די דרשה האט מען גוט געקענט באנעמען ווי ווייט דער ברייטער ציבור האט אויפגענומען דעם ענין בחרדת קודש ובאימה וביראה. עס האט געהערשט אין זאל א טאטאלער שטילקייט וואס מ'האט ממש געקענט שניידן מיט די הענט. אריבער אנדערהאלבן שעה איז דער פיל-טויזנט-קעפיגער ציבור געזעצן געבליפט און פארגאפט, איינקריצענדיג אין מח יעדעס ווארט פון די דברים קדושים ונחוצים.

דורך די וואך איז אויך ערשינען א פרישער מכתב פון הגאון האדיר ראב"ד ירושלים שליט"א, וועלכער ווענדט אפ פארשידענע היתירים וואס זענען אויפגעקומען אויף האר-שייטלען וואס שטאמען פון אנדערע לענדער אויסער אינדיע, און דער ראב"ד שליט"א שרייבט קלאר אז אלע מענטשן-האר שייטלען איבער דער גארער וועלט פאל'ן אונטער'ן חשש פון תקרובת עבודה זרה, ווייל למעשה אימפארטירן אלע שייטלען-פאבריקן האר פון אינדיע.

לויט ווי נשים צדקניות געבן איבער, איז איצט מיטוואך בעת די שורות ווערן געשריבן, כמעט נישט צו טרעפן א יומען הער שייטל אין די פרומע חרדישע גאסן, און לויט ווי באהאוונטע עסקניות זאגן, האבן אפילו אזעלכע פרויען וועלכע פארלאזן זיך ליידער נאך אלץ אויף פארשידענע קולות, זיך שוין אויך איינגעהאנדלט סינטעטישע שייטלען זייענדיג באוויסטזיניג אז ביז געציילטע טעג וועט זיין א בושה ארויסצוגיין אין די אידישע גאס מיט א שייטל וואס אנטהאלט מענטשליכע האר.

מאמענטאל ווארטן ערליכע אידישע פרויען אויס מיט געדולד אז די גדולי רבנים המכשירים (און נישט די שייטל-סוחרים) זאלן ארויסקומען מיט א קלארע ליסטע וועלכע סינטעטישע זענען באמת אינגאנצן ריין פון מענטשליכע האר און וועלכע א.ג. סינטעטישע פארמאגן פארט עפעס נאטורליכע האר.

עס איז זעלבסט-פארשטענדליך אז קאמפעטענטע רבנים וועלן קיינמאל נישט געבן אן אפיציעלן היתר אדער הכשר אויף שייטלען, וואס זענען גע'אסר'ט געווארן דורכ'ן הייליגן דברי חיים זי"ע און אנדערע גדולי וקדושי עליון נ"ע, אבער פארט ערווארט מען די ליסטע כדי די נשים צדקניות זאלן נישט חלילה ווידער אריינפאלן אין דעם שוידערליכן מכשול פון חשש עבודה זרה ר"ל.

אלנפאלס איז די פרשה פארוואנדלט געווארן אין א מאנעפיסטאציע פון קידוש ה', א פרשה וואס האט אן צווייפל איינגעקריצט א טיפן אומפארגעסליכן רושם אין די קינדער פון אונזער דור, וועלכע וועלן נאך קענען דערציילן פאר זייערע קינדער אז זיי האבן צוגעזען ביי זייערע עלטערן מסירת נפש למען כבוד שמו יתברך.

דורך די פרשה איז שטארק נתרומם געווארן דער כבוד התורה פונעם בית דין צדק העדה החרדית, ובפרט פונעם ראש בית דין הגאון האדיר שר התורה ופוסק הדור מרן רבי משה שטערנבוך שליט"א ראב"ד ירושלים עיה"ק, וועלכער איז נאך פאר דרייסיג יאר צוריק געווען דער סאמע ערשטער צו באהאנדלען די הארבע פראגע, און איז אויך איצט געווען דער נחשון בן עמינדב ארויסצוקומען מיט'ן קול מלחמה פון "מי לה' אלי". באהאוונטע אין די פרשה זאגן קלאר אז א דאנק זיין שטאנדהאפטיגקייט איז די פרשה אויסגעשפרייט געווארן צו אן אלוועלטליכע 'שערורי' און ער האט געהאט די זכי' מציל צו זיין דעם גאנצן דור פון א חשש תקרובת עבודה זרה.

זיכער וועט די פארגאנגענע וואך דערמאנט ווערן לדורי דורות אלס א וואך ווען גאנץ כלל ישראל מסוף העולם ועד סופו האט ארויסגעצייגט בכל לב ובכל נפש ובכל מאוד דעם "אתה אחד ושמך אחד ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ". ○

# זייט געווארנט

געוועזן דעם נסיון.

דאָס האָט זיך גוט אָנגעזען זונטאג ווען ס׳איז אַנטשטאַנען אַן אויסטערלישער געלויף צו די גויאישע געשעפטן איבער גאַנץ ניו יאָרק איינצוקויפן די גאָר ביליגע סינטעטישע שייטלען, וואָס זענען אָן צווייפל פולקאָם סינטעטיש. דאָס האָט ווידער געשאַפן אַ קידוש ה׳ ווען די גויאישע אייגענטומער האָבן באַוואונדערט די לאַנגע רייעס אידישע פרויען וועלכע האָבן פלוצלינג באַלאַגערט זייערע געשעפטן.

די אַלע שמועות איבער אָנגעבליכע כשר׳ע יומען הער שייטלען האָבן זיך טאַקע נאָך שבת אַרויסגעשטעלט אלס אום-קראַנט. זונטאג איז ערשינען אַ מכתב פון הגאון שר התורה רבי מאיר בראַנסדאָרפער שליט״א בעל קנה בושם, וועלכער שרייבט צווישן אַנדערן:

״ס׳איז רעכטפאַרטיג די זאַך אַז אַלע שייטלען וואָס ווערן געמאַכט פון האָר וואָס ווערן אָפגעשניטן אין זייער מקום טומאה, איז תקרובת עבודה זרה ממש, און ס׳איז אסור בהנאה און מען דאַרף דאָס מבער זיין פון די וועלט, אַזויווי ס׳שטייט אין שולחן ערוך סימן קמ״ו און אין אַנדערע פוסקים.

״און לויט ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט נאָך אַ גרונטליכע אויספאָרשונג מאָמענטאַל, איז דער חשש אויף אַלע שייטלען וואָס זענען פאַרשפרייט אין די וועלט, סיי אין אַמעריקע און סיי אין אַנדערע לענדער, אַריינגערעכנט אַלע אייראָפעאישע לענדער, וואָס זענען אַלע געמאַכט געגצליך פון אינדישע האָר, אדער ס׳איז אַריינגעמישט דערין די סאָרט האָר, און אויף סיי וועלכן אופן זענען די שייטלען אסור בהנאה און מען טאָר עס נישט אָנטאָן.״

אין וויליאַמסבורג האָבן זונטאָג אָוונט פילע טויזנטער אידן געשטראָמט צום זאַל פון קאָנטינענטאל לשמוע את דבר ה׳ צו הערן די לענגערע, פייערדיגע דרשה וואָס דער קרית יואל׳ער רב שליט״א האָט משמיע געווען איבער דעם חומר הענין וצו השעה. ביי די דרשה (וואָס איז געדרוקט מיט׳ן פולן טעקסט אין היינטיגן נומער.) האָט דער

# זייט געווארנט

**היות געוויסע פירמעס האבן אדווערטייזט אז זייערע שייטלען זענען נישט פון אינדיע זענען מיר מפרסם דעם דעת הרבנים הגאונים שליט״א אז**

**דאס קען מען נישט וויסן.**

וז״ל הגר״מ שטערנבוך שליט״א ראב״ד העדה החרדית בירושלים עיה״ק:

**ולא מועיל אמירת המוכר שאצלם אין מהודו (אינדיע) שכך הטעו אותם, רק צריך בירור יסודי ומקיף במקור ובדין טריפות.**

# שמע ישראל ה' אלקנו ה' אחד

מ'וויל באצאלן פאר די שייטלען צי "מעג" מען באצאלן וויבאלד דורך די געלט גיט מען צו שטייער פאר די עבודה זרה, אדער וויבאלד עס איז א "מקח טעות" צי קענען זיי אפילו צוריקבעטן די געלט וואס זענען שוין ארויס פון די בענק, אבער דא ווערט א שאלה פון חילופין ביי עבודה זרה, וויבאלד ער האנדלט איצט מיט געלט פון עבודה זרה.

ווען "דער בלאט" האט אנגע-פרעגט ביי די מקורבים פונעם רב שליט"א איבער די תשובות בהלכה וואס דער רב שליט"א האט געענטפערט, הערן מיר אז ביזדערווייל ענטפערט נישט דער רב שליט"א איבער די שווערע שאלות, וואס א גרויסער טייל פון זיי וועט ארויפגעברענגט ווערן אויפן בי"ד טיש פון די העדה החרדית, און אין די נאנטע טעג וועט דער רב שליט"א ענטפערן די אלע א. ד. תשובות.

מאי"ר עיני ישראל בהלכה.○

בריוו צו א שואל וועלכער האט אים אנגעפרעגט איבער די דאזיגע טעמע, וואו ער ענטפערט אז וואס אנבאלאנגט די אינדיאנער שייטלען מוז מען עס ווי פארשטענדליך פארברענען, און וואס אנבאלאנגט אלע אנדערע נאטורליכע שייטלען פון איבער דער גארער וועלט וואס מען קען נישט זיין זיכער איבער אירע האר קוועלער, שרייבט דער בעל קנה בושם שליט"א: "ולפי מה שנתבאר אחרי החקירה והדרישה לעת עתה, כי החשש הוא על כל הפיאות נכריות הנפוצים בעולם, בין בארה"ב ובין בשאר המדינות, כולל כל מדינות אירופא, שהם עשויות כולו משערות הנ"ל, או שיש בהם תערובת מהנ"ל, ובכל אופן הם אסורים בהנאה ואסור ללבשם".

באלד נאך דעם קלארן פסק, פון דעם גדול בישראל שליט"א איז שוין נישט געווען קיין צווייפל ביי קיינעם, צי מען מעג נאך ווייטער גיין מיט די נאטורליכע שייטלען, און טויזנטער פרויען האבן אין ליכט פון דעם פסק, באלד אויסגעטוהן אפילו די ספיקות'דיגע עבודה זרה שייטלען.○

אבער אנגעמאכט א שטארקער טומל די עדות פון צוויי געוויסע אידן, וועלכע זענען ארויפגעקומען צו הגאון רבי משה יודא לייב לאנדא שליט"א גאב"ד בני ברק, און גע'טענה'ט אז זיי ווייסן זיכער אז מ'טראגט האר פון אינדיע קיין אוקראיינע.

די צוויי אידן זענען אריבערגע-קומען צום רב פון בני ברק שליט"א און גע'טענה'ט אז זיי זעלבסט האבן אריבערגעפירט שייטלען פון אינדיע קיין אוקראיינע, און אין ליכט פון דעם האט הרב לאנדא שליט"א ארויסגעגעבן א פסק הלכה אז 'מען קען זיך נישט פארלאזן אויף קיין איינעם פון די שייטלען הענדלער, קיינער פון זיי האט נישט קיין נאמנות'.

גלייכצייטיג איז הרב לאנדא שליט"א די טעג ארויסגעפארן קיין אינדיע, כדי זיך צו באקענען פון דער נאנט מיט די פאקטן ארום די האר וואס ווערט פון דארט אימפארטירט, און בעיקר איבער דער איינטיילונג פונעם מארק, וואו די אינדיאנער האר קומט אלץ אן.○

## הרב דוננער שליט"א טובל'ט זיך נאכן צוריקקערן פון אינדיע

י. ל. יאקאב

ירושלים. - די פארגאנגענע וואך מאנטאג ווען הרה"ג רבי אהרן דוד דוננער שליט"א איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל פון זיין ברייט בארימטן באזוך אין אינדיע אויף די שליחות פונעם בית דין הגדול שבירושלים שליט"א, האט ער אנגערופן צו הגאון האדיר רבי מאיר בראנדסדארפער שליט"א בעל קנה בושם, וועלכער דינט אלס דב פון אלע מקואות אין ירושלים, און האט אים געפרעגט אויף א מהודר'דיגע מקוה וואו ער קען זיך טובל'ען נאכ'ן אריינגיין אינעם גרעסטן בית עבודה זרה אין אינדיע, וועלכע איז אנגעשטעקט מיט אלע מיני געצנדינער און פילע טמא'נע זאכן.

דער רב שליט"א האט אים באלד אנגעוויזן אויף א גאר מהודר'דיגע מקוה אין ירושלים, וואו הרב דוננער שליט"א האט זיך גע'טובל'ט, און ערשט דערנאך האט ער זיך גענומען צו די עבודת הקודש פון ארומגיין צו די רבנים און גדולי הדור שליט"א, כדי אויפצוקלערן און איבערגעבן זיינע איינדרוקן פון דעם בית עבודה זרה אין אינדיע.○

## ירושלימער בית דין שליט"א קומט ארויס מיט פרישן פסק איבער "כל דפריש מרובא פריש"

י.ל. יאקאב

ירושלים. - דעם דינסטאג נאכט האט דער פוסק הדור מרן רבי

*הרב פנחס בינדער הי"ו מראשי ועד הכשרות "העדה החרדית" צו "דער בלאט":*

## "קאנסערוו-מאטעריאל" ריין פון עבודה זרה האר

י. ל. יאקאב

ירושלים. - אין ליכט פון דעם וואס "דער בלאט" האט די ערשטע באריכטעט באלד א וואך נאך פסח איבער די שטורמישע אסיפה אין שטוב פון הגאון האדיר רבי מאיר בראנדסדארפער שליט"א בעל "קנה בושם" איבער די "יומען-האר" שייטלען, און עס איז דאן באריכטעט געווארן אז דער וועלט בארימטער כעמיקאלישער ספעציאליסט הרבנ החסיד ר' פנחס בינדער הי"ו, מראשי וועד הכשרות והנהלת העדה החרדית, וועלכער קען זיך אויס אין די אלע פראדוקטן און עסנווארג פון דער וועלט, האט געברענגט שאקירנדע נייעס ביים אסיפה פונעם ביד"צ שליט"א אז הונדערטער "סיסיטין - קאנסערוו-מאטעריאל" וועלכע מ'לייגט אריין אין די עסנווארג איבער דער גארער וועלט, כדי צו האלטן פריש די עסן, ווערן אויך געמאכט פון אויל און פעטנס פון די האר פון אינדיע.

אין ליכט פון דעם האט זיך אנגעפאנגען א רייע מיט טעלעפאנען צום וועד הכשרות פון די העדה החרדית, וועלכע האבן אנגעפרעגט איבער די א. ד. אויפדעקונג.

אבער אין א שמועס פון "דער בלאט" מיט ר' פנחס'ן הי"ו זאגט ער קלאר אז דער ארט וואו עס ווערט פאבריצידט די "קאנסערוו-מאטעריאל" צו קענען האלטן פריש די עסנווארג איז אין טיילאנד, פון וואו מ'נעמט אלע האר און פון דעם מאכט מען דעם פראדוקט,

## בעל שבט הלוי שליט"א קומט ארויס מיט בקשה נישט צוריק אנטוהן אויסגעלאסענע שייטלען

י.ל. יאקאב

בני ברק. - אין די טעג ווען עס איז געווארן א געוואלדיגער אתערותא דלעילא ביי צענדליגער טויזנטער נשים צדקניות איבער דער גארער וועלט אויסצוטוהן די שייטלען, וואס ביי א גרויסער טייל און איבערהויפט אין קרית יואל האט דאס געמאכט א טאטאלער איבערקעדעניש, און די פרויען האבן גענצליך אויסגעטוהן די שייטלען און אנגעטוהן טיכלעך אזוי ווי אונזערע אמהות האבן זיך געפירט, איז דער פוסק הדור והדרו הגאון האדיר רבי שמואל הלוי וואזנער שליט"א בעל שבט הלוי וגאב"ד זכרון מאיר בני ברק, ארויסגעקומען מיט א הייליגער רוף צו די אלע נשים וועלכע האבן נישט זוכה געווען אוועקצווארפן גענצליך די שייטלען, אז די הייליגע מערכה איבער די עבודה זרה שייטלען זאל אויף אזויפיל אויפטוהן אז מ'זאל ח"ו נישט אנטוהן צוריק די אויסגעלאסענע און מאדערנע שייטלען, און כל המקצ"ר הרי זה משובח.○

## הגאון רבי חיים קניבסקי שליט"א פארברענט אן עבודה זרה שייטל מיט א ברכה אן שם ומלכות

י. ל. יאקאב

[illegible] שליט"א, כדי
אויפצוקלערן און איבערגעבן זיינע איינדרוקן פון דעם בית עבודה זרה אין אינדיע.○

# ירושלימער בית דין שליט"א קומט ארויס מיט פרישן פסק איבער "כל דפריש מרובא פריש"

י.ל. יאקאב

ירושלים. - דעם דינסטאג נאכט האט דער פוסק הדור מרן רבי משה שטערנבוך שליט"א ראב"ד ירושלים, ווידעראמאל צוזאמגעזעצט דעם הרכב בית דין פון די העדה החרדית, אין ליכט פון דעם וואס געוויסע רבנים און פוסקים האבן פרובירט צו נוצן א פרישן היתר, נעמליך אז אין געוויסע לענדער איבער דער גארער וועלט, אויסער ארץ ישראל, וואו דאס מערסטנטייל פון די האר שטאמט נישט פון אינדיע נאר עס קומט פון אייראפע, קען מען זיך באנוצן מיט די נאטורליכע שייטלען, פארלאזנדיג זיך אויף די מערהייט פון שייטלען וועלכע קומען נישט פון אינדיע, און זיי זענען געקומען מיט די טענה און היתר אז "כל דפריש מרובא פריש", און ממילא מעג מען זיך באנוצן מיט די אנדערע "יומען-האר" שייטלען.

דער ביד"צ שליט"א אין שפיץ פון דעם ראב"ד שליט"א האבן זיך אוועקגעזעצט און דן געווען בכובד ראש איבער די נייע שאלה, און באלד דערנאך איז ערשינען דער פרישער פסק, אונטערגעשריבן פון מרן הגאון האדיר הראב"ד שליט"א, און די אנדערע חברי הבד"צ פוסקי הדור הגאון האדיר רבי משה הלברשטאם שליט"א בעל "דברי משה", הגאון האדיר רבי מאיר בראנדסדארפער שליט"א בעל "קנה בושם" און הגאון האדיר רבי אברהם יצחק אולמאן שליט"א, אין וועלכן זיי קומען ארויס מיט א קלארן פסק הלכה אז ביי דעם פאל קען מען נישט נוצן דעם היתר פון "כל דפריש מרובא פריש".

דער פרישער פסק הלכה האט אנגעצינדן א פרישער "פייער" אין די אזוי אויך ברענענדיגע שאלות איבער די ע"ז שייטלען, און איז באלד געווארן א שארפער פלפול צווישן פילע רבנים און גדולי הדור שליט"א.○

# מכתב פון בעל קנה בושם שליט"א אפגעקלינגן אין אידישע וועלט

י.ל. יאקאב

ירושלים. - טראץ וואס עס איז שוין ערשינען א קלארער פסק פונעם בי"ד הגדול שבירושלים איבער די "יומען-האר" שייטלען האט מען אבער אין פיל היימישע הייזער נאך אלץ געווארט אויף א פסק פון א גדול בישראל, איבער די אנדערע נאטורליכע האר שייטלען, וועלכע שטאמען פון אייראפע אדער אנדערע ערטער נישט פון אינדיע.

אין ליכט פון דעם איז דער פוסק הדור הגאון האדיר רבי מאיר בראנדסדארפער שליט"א בעל קנה בושם, ארויסגעקומען מיט א

טעכנאליסט [illegible] החסיד ר' פנחס בינדער הי"ו, מראשי וועד הכשרות והנהלת העדה החרדית, וועלכער קען זיך אויס אין די אלע פראדוקטן און עסנווארג פון דער וועלט, האט געברענגט שאקירנדע נייעס ביים אסיפה פונעם ביד"צ שליט"א אז הונדערטער "סיסיטין - קאנסערוו-מאטעריאל" וועלכע מ'לייגט אריין אין די עסנווארג איבער דער גארער וועלט, כדי צו האלטן פריש די עסן, ווערן אויך געמאכט פון אויל און פעטנס פון די האר פון אינדיע.

אין ליכט פון דעם האט זיך אנגעפאנגען א רייע מיט טעלעפאנען צום וועד הכשרות פון די העדה החרדית, וועלכע האבן אנגעפרעגט איבער די א. ד. אויפדעקונג.

אבער אין א שמועס פון "דער בלאט" מיט ר' פנחס'ן הי"ו זאגט ער קלאר אז דער ארט וואו עס ווערט פאבריצירט די "קאנסערוו-מאטעריאל" צו קענען האלטן פריש די עסנווארג איז אין טיילאנד, פון וואו מ'נעמט אלע האר און פון דעם מאכט מען דעם פראדוקט, אבער וויבאלד אין אינדיע ווערט פאבריצירט א געוויסע מאטעריאל וועלכע ווערט אנגערופן "עלעקטראליזעס" וועלכע פארבע-סערט די פעטקייט פון די "קאנסערוו-מאטעריאל", מילא גייט דאס אדורך בלויז אן אויסבעסערונג אין אינדיע, אבער קלאר און דייטליך אז עס קומט נישט פון אינדיע.

ויאכלו ענווים וישבעו.○

# דיין פון בני ברק ציט צוריק הכשר אויף געוויסע שייטלען

. ל. יאקאב

בני ברק. - אין א מעלדונג וואס א געוויסער חשוב'ער רב שליט"א אין בני ברק, וועלכער האט מיט א טאג בעפאר געגעבן א הכשר אויף א געוויסע שייטלען ביזנעס אין בני ברק, האט ער צוריקגעצויגען פון זיין הכשר, און האט געמאלדן אין די צייטונגען אז דער הכשר איז בלויז געגעבן געווארן פאר א קליינע מאס פון שייטלען, און פון דעם דינסטאג און ווייטער גיט ער נישט קיין שום הכשר אויף "יומען-האר" שייטלען וועלכע ווערן פארקויפט ווערן אין דער צוקנופט.○

*צווי שייטלען סוחרים אין עדות פאר בני ברק'ער רב הרב לאנדא שליט"א:*

# "מיר האבן אריבערגעפירט האר פון אינדיע קיין אוקראיינע"

**הרב לאנדא שליט"א פארט ארויס קיין אוקראיינע זיך צו באקענען פון דער נאנט ממיט די פאקטן**

י. ל. יאקאב

בני ברק. - די היינטיגע וואך אין די צייט וואס זייער אסאך "יומען-האר" שייטלען הענדלער, זענען ארויסגע-קומען מיט דיזיגע אדווערטייזמענט אין די ארץ ישראל'דיגע צייטונגען אז ביי זיי קען מען באקומען בלויז שייטלען פון אוקראיינע אדער אייראפע, האט

וועלכע האבן נישט זוכה געווען אוועקצעווארפן גענצליך די שייטלען, אז די הייליגע מערכה איבער די עבודה זרה שייטלען זאל אויף אזויפיל אויפטוהן אז מ'זאל ח"ו נישט אנטוהן צוריק די אויסגעלאסענע און מאדערנע שייטלען, און כל המקצ"ר הרי זה משובח.○

# הגאון רבי חיים קניבסקי שליט"א פארברענט אן עבודה זרה שייטל מיט א ברכה אן שם ומלכות

י. ל. יאקאב

בני ברק. - גאר א שטארקן אפקלאנג האט געהאט דער "מעמד ביעור ושריפת עבודה זרה" וועלכע דער ליטווישער גדול און מנהיג הגאון האדיר רבי חיים קאניעבסקי שליט"א פון בני ברק, האט דעם דינסטאג אדורכגעפירט מיט די אנוועזנהייט פון עטליכע מקורבים, וועלכע איז באלד פארשפרייט געווארן ביי אלע שיכטן און קרייזן פונעם יהדות החרדית אין ארץ ישראל.

דער גאון רבי חיים קאניעבסקי שליט"א האט געבעטן פון איינעם פון די מקורבים ער זאל גיין אפיהרזוכן א שייטל וועלכע קומט זיכער פון אינדיע און איז זיכער פון די עבודה זרה האר, און האט מיטגעברענגט דריי שייטלען פון זיך אין שטוב, און האט געהייסן ברענגען נאפט. ווען מ'איז געגאנגען זוכן נאפט, האט מען נישט געטראפן אין שטוב, און איינער האט אנגעפרעגט צי עס איז אויך גוט אויל, האט ער זיך אנגערופן "עס איז נישט קיין נפקא מינה, אבי עס זאל גוט ברענען".

דאן האט רבי חיים שליט"א גענומען די שייטלען אין די הענט און אנגעצינדן א שוועבל און האט געמאכט א ברכה "ברוך שעקר עבודה זרה מארצינו" און אנגעצינדן די שייטלען.

אויף די פראגע פון איינעם פון די אנוועזנדע, פארוואס ער מאכט נישט די ברכה מיט'ן שם ומלכות, האט ער געענטפערט, אז עס איז א מחלוקת הפוסקים צי מען מאכט א ברכה ביי אזא פאל, איבער דעם האט ער זיך נישט געוואלט אריינלאזן אין ספיקות.

דער פאקט אז רבי חיים קאניעבסקי שליט"א, איינער פון די גרעסטע מנהיגים ביי די ליטווישע וועלט, האט געמאכט דעם פייער, האט געהאט א שטארקן אפקלאנג און האט צוגעגעבן "אויל" צום "פייער" פון די שייטלען מערכה.○

*מרן ראב"ד ירושלים שליט"א:*

# בריסקער רב זי"ע האט נישט געוואלט מפלפל זיין אין מסכת ע"ז

**מיטן חשש אז עס וועט איינמאל ארויסקומען א מכשול איו ע"ז**

י. ל. יאקאב

ירושלים. - נעכטן מיטוואך אינדערפרי אין א טעלעפאנישן

(פארזעצונג אויף קומענדיגע זייט)

## שמע ישראל ה׳ אלקנו ה׳ אחד

(פארזעצונג פון פריערדיגע זייט)

געשפרעך צווישן הגאון רבי משה בראנדסדארפער שליט״א דומ״צ העדה החרדית מיטן ראב״ד ירושלים שליט״א, איבער דעם הארבן צוגאנג צום באהאנדלען עניני עבודה זרה, האט זיך דער ראב״ד שליט״א אנגערופן, אז דער הייליגער בריסקער רב זי״ע האט זיך קיינמאל נישט געוואלט פארטיפן אינעם מסכת עבודה זרה מיט פלפול און חריפות, נאר ער פלעגט דאס אדורכלויפן שנעל - אנדערש ווי ביי אלע אנדערע מסכתות וואס ווי באוואוסט האט מען אין בריסק אדורכגעאקערט יעדעס ווארט פון גמרא און רש״י תוס׳ - וויבאלד ער האט חושש געווען טאמער וועט מען צופיל מאריך זיין אין די עבודה זרה מסכת קען אמאל ארויסקומען נישט אזא אויסגעהאלטענער חידוש, און דאס קען ארויסברענגען ח״ו א מכשול אין עניני עבודה זרה, און ממילא האט ער געוואלט שטיין ווייט דערפון.

דער ראב״ד שליט״א האט געזאגט די ווערטער, אין שייכות צו דעם וואס געוויסע רבנים פראבירן צו זוכן פארשטופטע היתרים און סברות כדי צו מתיר זיין די "יומען-האר" שייטלען, און אין ליכט פון דעם האט ער זיך אויסגעדרוקט מיט אט די שארפע ווערטער.

גלייכצייטיג האט דער ראב״ד שליט״א צוגעצייכנט דעם שו״ת "מן השמים" סימן כ״ט, וועלכער דרוקט זיך אויס מיטן לשון: "כל המיקל בעבודה זרה מקצרין לו ימיו ושנותיו וכל המחמיר בעבודה זרה מאריכין לו ימיו ושנותיו".

*מרן ראב״ד ירושלים שליט״א:*

# שייטלען הענדלער נישט באגלייבט צו זאגן פון וואו די האר שטאמען

י. ל. יאקאב

**ירושלים.** - דעם דינסטאג נאכט איז דער ראש המערכה, פוסק הדור ושר התורה מרן רבי משה שטערנבוך שליט״א ראב״ד ירושלים ארויסגע-קומען מיט א פרישן בירור צו די רבנים, איבער דעם פראבלעם אז עס זענען דא אסאך שייטלען הענדלער וועלכע טענה׳ען אז זיי פארקויפן בלויז שייטלען פון אייראפע אדער אנדערע ערטער נישט פון אינדיע.

אבער דער ראב״ד שליט״א האט קלאר געמאכט אז אין דער פאל האבן די שייטלען הענדלער נישט קיין נאמנות, וויבאלד זיי זענען נוגעים בדבר, און אויך ווייל עס איז זייער שווער צו קענען וויסן פון וואו די האר וואס מען קויפט שטאמט, אפילו ווען מען קויפט עס אין אייראפע, ווייל אין יעדע לאנד קומט אן ליפערונגען פון אלע לענדער, און ווער ווייסט צי ס׳איז דארט נישט אריין געמישט קיין אינדיאנער האר, דאס זעלבע איז אויך גילטיג אויף אנדערע וועלכע האבן נישט קיין מאקסימאלע באקאנטשאפטן איבער די פאקטן פון יעדע ספעציפישער טראנספארט, אז ס׳איז נישט מעגליך צו קענען פעסטשטעלן פון אויבנאויף, צי די אדער יענע טראנספארט פון שייטלען קומט טאקע נישט פון אינדיע, אדער האט זיכער נישט קיין [illegible]

די רבנים שליט״א האבן מסביר געווען אז ביי א קלייד האבן זיי די מומחה׳ישקייט וועלכע פעדימער מ׳מישט און וואו עס געפינען זיך געוועגליך די אלע מיני פעדימער, אבער דא ווען עס רעדט זיך פון טויזנטער קליינע הארעלעך אינעם שייטל ווייסט מען דאך נישט די פונקטליכע סדרים און דעטאלן וויאזוי מ׳פראדוצירט דעם שייטל און עס קען זיין איין גאנצע ווינקל ריין האר, אפילו ווען אינמיטן איז ריין סינטעטיק.

דער רב שליט״א האט געענטפערט אז מ׳טאר נישט באשליסן און פסק׳ענען אין די שאלה, בלויז נאכדעם וואס מ׳וועט רעדן מיט די ספעציאליסטן איבער די שייטלען אויף וועלכן אופן זיי מישן, און לויט דעם וועט ער מחליט זיין וויאזוי צו בודק זיין.

דעם מאנטאג נאכט האט דער רב שליט״א גע׳פסק׳נט - נאכן הערן די אויספירן פון די סינטעטיק שייטלען סוחרים - דעם ריכטיגן אופן וויאזוי צו איבערקוקן די שייטלען, און די בודקי שעטנז האבן אזוי געטון, און צו זייער גרויס וואונדער האבן זיי געטראפן טויזנטער סינטעטיק שייטלען געמישט מיט "יומען-האר" פון תקרובת עבודה זרה.

אין א שמועס פון "דער בלאט" מיט איינעם פון די ראשי הוועד לעניני שעטנז, דערציילט ער, אז אין די שעטנז בדיקות האט מען געטראפן פילע מכשולות, און אויך נאכדעם וואס זיי האבן שוין מכשיר געווען אויף 100% סינטעטיק, האט מען נאכן בודק זיין אין דעם וועד לעניני שעטנז שע״י העדה החרדית געטראפן פילע "יומען-האר", וועלכע האבן דעם חשש פון עבודה זרה.○

# פלפול פון ירושלים׳ער לומדים און תלמידי חכמים איבער ברכה פון עקירת עבודה זרה מארצינו

י. ל. יאקאב

**ירושלים.** - ווער עס איז נאר אריין אין די טעג אין די בתי מדרשים און כוללים וואו עס זיצן די ירושלים׳ער תלמידי חכמים און לומדים האט מען אלס געהערט די שארפע פלפולים איבער די טעמע פון די שייטלען.

אבער איינע פון די הויפט טעמעס אזי געווען דער ענין פון מאכן א ברכה אויף עקירת עבודה זרה מיטן נוסח פון הגה״ק רבי עקיבא אייגער זי״ע, אין הגהות רע״א אין שו״ע אורח חיים חלק א׳ סימן רכ״ד סעיף ב׳, וועלכער שטעלט אויס דעם נוסח ווי פאלגענד: "ברוך אתה ה׳ אלוקינו מלך העולם אשר קדשנו במצוותיו וצונו לעקור עבודה זרה מארצינו".

צווישן די תלמידי חכמים איז אנטשטאנען א פלפול אין די טעמע, ווייל דער לשון פון רבי עקיבא אייגער זי״ע איז "העוקר [illegible]

# פילע חסידי סאטמאר אין ירושלים טוען אן אור-אלטן ערליכן לבוש

### אויפן רוף פון כ״ק הגאב״ד שליט״א מקרית יואל

י.ל. יאקאב

**ירושלים.** - אין ליכט פונעם הייליגן רוף פון כ״ק הגאב״ד שליט״א מקרית יואל, האבן זיך צענדליגער סאטמארער נשים צדקניות אין ירושלים געענצליך אויסגעטוהן די שייטלען, און אריבער צום אור אלטן אידישן לבוש פון די אמהות.

אין די לעצטע טעג, נאכדעם וואס עס איז אנגעקומען די פייערדיגע דרשה פונעם קרית יואל׳ער רב שליט״א האבן די עסקנים אינערהאלב די סאטמארער קהילה אין ירושלים זיך באלד אריינגעטוהן אין דעם ענין, און נאכ׳ן אדורכרעדן אויפן טעלעפאן די פלענער מיטן רב שליט״א, האבן זיי ב״ה מצליח געווען אריינצוברענגען א רוח טהרה אין פילע היימישע סאטמארער שטיבער אין ירושלים.

ברוך שמסר עולמו לשומרים.○

*סאטמארער רב שליט״א פון לאנדאן:*

# קיין עפנטליכע שריפה צוליב התגרות באומות;

### יעדער זאל מאכן פריוואטע שריפה

נתן קרעמער

**לאנדאן.** - אין זיין פייערדיגע דרשה פאַר תושבי לאנדאן, האָט הגה״צ רבי חיים וואזנער שליט״א אבדק״ק סאַטמאַר מעורר געווען איבער דעם איסור תקרובת עבודה זרה וואָס איז שייך ביי די שייטלען פון אינדיאַנער אָפּשטאַם, און האָט אַרויסגעברענגט דעתו אז דינם לשריפה.

זונטאָג ווען סאַטמאַרער עסקנים האָבן געוואָלט נאָכפאָלגן די פיסטריט פון קרית יואל און אָרגאַניזירן אַ גרויסאַרטיגע שריפה, האָט הרב וואָזנער שליט״א נישט ערלויבט, ערקלערנדיג דעתו, אז אַנדערש ווי אין קרית יואל און וויליאַמסבורג פאַרמאָגט לאָנדאָן אַ גרויסע אינדישע באַפעלקערונג און אַזאַ שריפה גרעניצט זיך מיט "התגרות באומות".

דער רב שליט״א האָט אבער באַפוילן אז יעדער זאָל מבער זיין די שייטלען ביי אַ פּריוואַטע שריפה אינדערהיים אדער אין חצר, וואָס וועט נישט אַרויסרופן קיין אויפמערקזאַמקייט.

גלייכצייטיג, ביי זיין פייערדיגע דרשה האָט דער רב שליט״א [illegible]

# שמע ישראל ה' אלקנו ה' אחד

*ברוך שעקר עבודה זרה מעידנו:*

## רויטער קלויסטער אויף לי עווענין קארנער קיעפ סטריט אין וומסב"ג ווערט שוין דעמאלירט ב"ה

נ. רוקח

**וויליאמסבורג.** - אין די טעג ווען די שטאט איז אויסגעריינעגט געווארן פון תקרובת עבודה זרה, איז א פריידיגע ערשיינונג צו זען ווי די שטאט ווערט פטור אויך פון א בית עבודה זרה - דער רויטער קלויסטער ביי לי עווענין קארנער קיעפ סטריט וואס איז, אין סאמע צענטער פון וויליאמסבורג, אלעמאל געשטאנען ווי א דארן-בוים אינמיטן א רויז-גארטן, און ווערט די טעג טאטאל צעווארפן דורך די נייע אייגענטימער וואס האבן אפגעקויפט דעם בנין.

ווי שוין באריכטעט אין "בלאט" זיינער צייט, האט וויליאמסבורג לייכט אפגעאטעמט מיט א צייט צוריק הערענדיג אז עטליכע פון די לעצט-פארבליבענע קלויסטערס אין וויליאמסבורג זענען פארקויפט געווארן דורך די קירכעס פאר ציווילן באנוץ.

דער רויטער קלויסטער אויף לי עווענין קארנער קיעפ סטריט האט שטענדיג געשטערט פאר אידישע דורכגייער, און ספעציעל פאר די מתפללים פון די שכינותדיגע בתי מדרשים. באזונדער איז עס געווען א שטער פאר'ן ספינקער רבי'ן כ"ק אדמו"ר רבי שמואל צבי זצוק"ל, ווי ס'איז באקאנט דער עפיזאד פונעם שתי וערב וואס איז אראפגעפאלן און בדרך פלא קיינמאל נישט צוריקגעשטעלט געווארן.

דאס ארט איז לעצטנס אפגעקויפט געווארן דורך א איד פון וויליאמסבורג, און איצט איז א בשורה צו מעלדן אז די געביידע ווערט שוין אראפגעווארפן און אויפן ארט וועלן אויפגעבויט ווערן הייזער אדער אנדערע פראיעקטן.

דורכגייער אויף לי עווענין קענען זען קענען זען ווי געביידע ווערט שוין דעמאלירט, און בקרוב וועט מען האפנטליך קענען רואיג זאגן די ברכה שעקר עבודה זרה מעידינו. ○

## "קול חוצב" טעלעפאן סיסטעם פארפלייצט געווארן דורך טויזנטער אריינרופער פון איבער די וועלט

נתן קרעמער

**ניו יארק.** - לויט ווי די אנפירער פונעם טעלעפאן סיסטעם "קול חוצב להבות אש" געבן איבער, איז דער האטליין די וואך איבערגעפלייצט געווארן יעדן טאג מיט טויזנטער קאלס, דורך אידן וועלכע רופן אריין אויסהערן די מורא'דיגע דרשה פון כ"ק גאב"ד קרית יואל שליט"א זונטאג אוונט אין קאנטינענטאל.

די אנדערהאלבן שעה'דיגע דרשה וואס האט ברייט מבאר געווען דעם חומר הענין פון די עבודה זרה שייטלען, האט זיך געענדיגט בערך 12:30 ביינאכט, און דורכ'ן געניטן סיסטעם, אנגעפירט דורך האברך החשוב ר' נפתלי משה ווייס הי"ו, איז בלויז צען מינוט שפעטער שוין געווען מעגליך איבערצוהערן די דרשה.

אויך בשעת די דרשה איז געווען א מעגליכקייט אנצורופן א ספעציעלן טעלעפאן-נומער און מיטהאלטן די דרשה בשעת מעשה, וואס פילצאליגע אידן איבער דער גארער וועלט האבן אויסגענוצט און נתעורר געווען פון די דרשה נלהבה.

במשך די קומענדיגע טעג ווען דער קול איז ארויס למרחקים איבער דעם געוואלדיגן אינהאלט פון די דרשה, דער ביאור רחב והתעוררות רב וואס ווארפט א ליכט און קלערט אויף דעם גאנצן ענין וואס איז די טעג דער הויפט געשפרעך פון טאג ביי אידן אומעטום, האבן טויזנטער אידן פון כל קצות תבל אנגעהויבן אריינצורופן דעם טעלעפאן סיסטעם און אויסגעהערט די דברים נכוחים ומאירים.

באזונדער איז די דרשה שטארק צעשפרייט געווארן דורך פילע טויזנטער קאסעטעס אין די געשעפטן וואס זענען צעכאפט געווארן דורך די קונדן, און די קאסעטע דיסטריבוטערס האבן פונדאסניי געדארפט אנפולן די פאליציעס פון די געשעפטן. פילע אידן וואס זענען אנוועזנד געווען ביי די דרשה האבן באזונדער געקויפט די קאסעטע צו לאזן הערן די פייערדיגע און וויכטיגע דרשה אין שטוב פאר די בני בית. ○

## גדולי הרבנים האבן ביי די דרשות גרונטליך מבאר געווען יסודי הלכה פון תקרובת עבודה זרה והמסתעף

זלמן שרייבער

**ניו יארק.** - ביי די דרשות וואס די אמת'ע גדולי ישראל אין ניו יארק האבן געהאלטן פארגאנגענעם שב"ק איבער דעם חומר האיסור פון די שייטלען פון תקרובת עבודה זרה, איז געווען אנצומערקן אז די רבנים האבן זיך נישט באגנוגט מיט בלויזע דברי מוסר והתעוררות, נאר האבן מברר געווען די שאלה פונעם מקור, אויסלייגענדיג די סוגיא פון תקרובת עבודה זרה מפי הגמרא ושולחן ערוך.

די רבנים שליט"א האבן פאשטאנען אז דא האנדלט זיך פון אן ענין וואס איז מן החמורות שבחמורות, און פון די אנדערע זייט איז די טעמע גאר פרעמד ביים אלגעמיינעם ציבור, נאכדעם וואס דער ענין איז שוין נישט נוגע געווען פאר כלל ישראל לאנגע יארן, און דעריבער דארף מען דא אנהויבן לערנען מיט'ן עולם אלף בית, מסביר צו זיין די הלכות ביסודם מפי שולחן ערוך.

די קאמפעטענטע רבנים שליט"א האבן זיך נישט באגנוגט מיט נאכזאגן דברי מוסר אדער פארלערנען אינעווייניג ספרי חסידות ודרוש, נאר האבן מבאר געווען די סוגיא פון תקרובת עבודה זרה פון די שרשי הלכה, אנגעהויבן פון די ראשונים, ביז צו די פוסקים אחרונים, פארשטיין-געבענדיג די ענינים כשולחן הערוך ומוכן לאכול, און ערשט דאן אריבער צו דברי מוסר והתעוררות.

ילמדנו רבינו מהיכן דנתנו. ○




## ליבא מידי דלא רמיזי באורייתא

**דער דאזיגער רמז נפלא איז אריינגעשיקט געווארן צו די רעדאקציע דורך א חשוב'ן תלמיד חכם פון מאנטריאל וועלכער איז בקי ברמזים שטבעו חכמים**

איבער די מורא'דיגע שערורי' וועגן די האר פון די

# לינא מידי דלא רמיזי באורייתא

**דער דאָזיגער רמז נפלא איז אַריינגעשיקט געוואָרן צו די רעדאַקציע דורך אַ חשוב'ן תלמיד חכם פון מאָנטריאַל וועלכער איז בקי ברמזים שטבעו הכמים**

איבער די מורא'דיגע שערורי' וועגן די האָר פון די שייטלען וואָס ס'איז קלאָר געוואָרן אז עס שטאַמט פון תקרובת עבודה זרה, איז אַ פלא להפליא צו זען וואונדערליכע זאַכן פון די תורה הקדושה, אז דער מקור צו די שערורי' איז מעגליך מרומז אין דעם פאָלגנדן פסוק אין די תורה:

## יזבחו לשדים לא אלוה אלהים לא ידעום חדשים מקרב באו לא שערום אבתיכם

(דברים ל״ב י״ז)

רש״י זאָגט אויף דעם פסוק:

חדשים מקרוב באו, אפילו האומות לא היו רגילים בהם ומי שהי' רואה אותם הי' אומר זה צלם של יהודי. [די אידן האבן ליידער געדינט עבודה זרה און אפילו די גוים וואָס האָבן געזען די אידן האבן געזאָגט ״דאָס איז אַ אידישע צורה״.]

לא שערום אבותיכם, לא יראו מהם, לא עמדה שערתם מפניהם, דרך שערות האדם לעמוד מחמת יראה. ויש לפרש עוד וכו' לא עשו אבותיכם שעירים הללו. [אייערע עלטערן האָבן נישט מורא געהאַט פאַר די עבודה זרה, זייערע האָר האָט זיך נישט אויפגעשטעלט פאַר פחד.]

**איז אַ פלא, אז אויב מען ציילט די פסוקים פונעם ערשטן פסוק אין די תורה בראשית ברא ביז דעם פסוק** (לפי טעם העליון)**, זעט מען אז דער מנין הכתוב איז פונקטליך**

## ה' אלפים תשס״ד!

דאָס איז מרמז אויף היי יאָר ווען ס'איז אַנטפלעקט געוואָרן אז די האָר שטאַמען פון עבודה זרה.

זאָלן מיר בקרוב זוכה זיין אז השי״ת זאָל מעביר זיין את רוח הטומאה מן הארץ ויכירו וידעו כל העולם כי ה' הוא האלקים מלך על כל הארץ.


# קהל בית אהרן ד'וואלקאן

## היכל יחיאל

נתייסדה לשמו ולזכרו של הגאון הצדיק בעל פרי אהרן דלומזי זצוק״ל



על ידי בנו הגה״צ בעל אבני אש דוואלקאן זצוק״ל

# מזמור לתודה

חובה עלינו להביע בזה רגש תודה למעלות כבוד האי גברא יקירא, לבו ער לכל דבר שבקדשה, רחים ומוקיר רבנן ואיהו גופו' צורבא מדרבנן, שלשלת היוחסין

כבוד שם תפארתו

# רבי חיים אויש שליט״א

בנו יקירו של אב״ד קהלתינו זצוק״ל

**וזוגתו החשובה בת קדושים תחי'**

**על שפתחו ביתם לשמש כאכסניא של תורה בעת צר, ועשו ביתם לבית מקדש מעט לשביעות רצון כל המתפללים ביד רחבה ובריח נדיבה כדי שלא יבוטל התמיד.**

ישלם ד' להם פעלם ויהא משכורתם שלימה מעם ד' וירוו רב תענוג ונחת דקדושה, במדה גדשוה מכל יוצ״ח, ותורה וגדולה יתאחדו תמיד על של חנם, עדי עד נזכה לביאת מלכה משיחא, אכי״ר.

**כעתירת מוקירכם כערככם**

גבאי בית המדרש • הנהלת הקהלה

MARCY GRAPHICS (718) 599-8658

# דברי אלקים חיים

# פון רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע

## בעיר ואם בישראל סאטמאר יצ"ו אין יאר תרח"צ לפ"ק

### בנוגע דעם איסור פון טראגן שייטלעך

**די פרוי איז די פונדאמענט פון די שטוב**

...ווען מען וועט גוט ארייינטראכטן וועט מען זיך איבערצייגן, אז דער נחש הקדמוני, דער ערשטער מסית אויף דער וועלט, ווען ער האט אנגעהויבן מיט זיין ארבעט, איבערצורעדן מענטשן צו זינדיגן, איז ער געקומען צום ערשט צו די פרוי, וויסנדיג אז זי איז די "עקרת הבית" און דער פונדאמענט פון דעם בנין, און ממילא אויב עס וועט אים געלונגען צו פארדארבן דעם פונדאמענט, וועט שוין אויך איינפאלן דער גאנצער בנין פון די אידישע שטוב ח"ו.

...אוןליידער אין אונזער מצב, ווי מיר זעען אז די דורות גליטשן זיך אוועק פון אלטן וועג, וואלטן מיר טאקע געדארפט צוגעבן פרישע גדרים און סייגים צו די פריערדיגע, מיר געדענקן נאך אלע גאנץ גוט, אז דא אין די שטאט (סאטמאר) האט מען מיט פופצן יאר צוריק, זיך נאך געהיטן מען זאל זיך נישט משדך זיין מיט אזא איד וואס זיין ווייב גייט מיט א שייטל, ווייל מען האט מורא געהאט אז די טאכטער וועט נאכמאכן די מוטער, און זי וועט אויך אנטאן א שייטל, און היינט האט זיך דאס ליידער אנגעהויבן ארייינצוכאפן אויך אין ערליכע אידישע שטיבער.

איך געדענק אז דער טאטע ז"ל (דער קדושת יו"ט), האט אמאל געהאלטן א שארפע דרשה קעגן דעם איסור פון שייטלען, האט ער געזאגט אין מיטן די דרשה, אז אויב נישט נאר סתם א גדר וסייג ווייל ביי אונז האט מען דאך אנגענומען להלכה דעם פסק פון דברי חיים ז"ל, אז עס איז אסור פאר א אידישע פרוי על פי הלכה ארויסצוגיין אין גאס מיט א שייטל, ווייל נישט נאר אייגענע האר ממש איז אסור פאר א אידישע פרוי, נאר אויך יעדע זאך וואס זעהט אויס ווי האר איז אסור אלס "דת יהודית", און אויך וויבאלד מען איז זיך אזוי נוהג ווערט דער מנהג אן הלכה קבועה, ממילא איז עס שוין אן איסור גמור על פי דין, אזוי ווי דער חתם סופר פסק'נט אין נאמען פון מהר"ם אלשקר ז"ל.

וויל איך דא בעטן פון יעדן איינעם, אז עס זאל זיך נישט טרעפן ביי אונז קיין איין איינציגע פרוי, וועלכע זאל זיך ארויסציען פון דעם כלל, און עובר זיין ח"ו אויף די זאכן וואס מען האט באשטימט, יעדער זאל אכטונג געבן מען זאל היטן און פאלגן די אלע תקנות וועלכע מיר האבן אפגעשמועסט ביי די אסיפה (גענעראל פארזאמלונג) דעם פארגאנגענעם חול המועד סוכות, כאטשיג מיר האלטן טאקע יעצט נישט אין די מדריגה פון אונזערע עלטערן, אבער מיין האפענונג איז שטארק, אז השי"ת וועט העלפן אז עס וועט קומען די צייט וואס יעדער וועט נאך פארשטיין אז מען דארף זיך קליידן ווי עס פאסט פאר א אידישע טאכטער, אזוי ווי מען האט זיך געפירט ביי אונזערע פריערדיגע דורות, עס איז זיכער אז קיין איינציגע פו איך וועט נישט נעמען אויף זיך אזא אחריות,

## די דרשה

### וואס רבינו הק' מסאטמאר זי"ע האט געזאגט אין די שטאט סאטמאר בביהמד"ר של רבי חנה צבי מצאנז זצ"ל

**מען דארף שטרעבן צו גיין אזוי ווי אונזערע עלטערן**

בעוה"ר, היינטיגע צייטן - מיר דארפן דאך נישט מאריך זיין אינעם געזינקענקייט פון דור, - וואלט זיך געפאדערט צו מאכן פיל צוזמונגען, אבער דאס וואס מיר זענען יעצט עוסק אין מאכן די "תקנות" דאס זענען נישט קיין גדרים וסייגים, און עס איז אפילו נישט אינגאנצן אזוי ווי מען האט זיך אמאל געפירט ווי עס פאדערט זיך מעיקר הדין, איך געדענק נאך אויף די זעלבע טאטעס דאס אמאל האבן זיי זיך נישט געוואלט משדך זיין מיט איינעם וואס גייט אין א שייטל, מורא האבנדיג טאמער די קינדער וועלן אויך אזוי גיין און היינט איז ביי די זעלבע א געלעכטער נישט נאר ווען מען רעדט וועגן שייטלען נאר אפילו ווען מען רעדט וועגן ביי האר, זעהן מיר פון דעם ווי די דורות פאלן, און אפילו די עלטערן אליינס זענען אויך נישט היינט דאס וואס זיי זענען געווען אמאל, אונזערע תקנות וואס מיר האבן מתקן געווען זענען אויך נישט אינגאנצן אויסגעהאלטן, ווייל מיר האבן מתיר געווען "געדריוועלט", מען האט מיר געזאגט אז מער קען מען נישט פארלאנגען, איך בין אבער זיכער אז יעדע פרוי וועט זיך טרישן און זיך אנטוהן ווי עס פאסט פאר א בת מלך, אזוי ווי אונזערע עלטערן זענען געגאנגען.

**מען דארף שטיין אויף דער וואך**

באמת איז נישט קיין קשיא אויף די פרויען וועלכע פארשטייען נישט די הארבקייט פון דער זאך, ווייל דער בעל דבר פארבלענדט זיי די אויגן, און זיי זעהן נישט ווי שטארק די

# דרשה נלהבה בענין שערורית פאה נכרית

# מכ״ק מרן גאב״ד קרית יואל שליט״א

**יום א׳ פרשת במדבר שנת תשס״ד לפ״ק – באולם קאנטינענטאל בעיר וויליאמסבורג יע״א**
**אצל הדינער הראשונה של כולל למצוינים ויואל משה דחסידי סאטמאר בעיה״ק ירושלים ת״ו**

מיר זענען זיך צוזאמגעקומען דא היינט אויפדערנאכט מחזק צו זיין דעם כולל ויואל משה אין ירושלים עיר הקודש, מען האט דא פריער שוין געזאגט בשבח פונעם כולל ווי ס'זיצן צענדליגער איינגעלייט תלמידי חכמים יראי ה׳ על התורה ועל העבודה, דער כולל איז פקיע שמיה אין עיר הקודש אלס א מקום תורה ווי מען לערנט בהתמדה רבה, איז אוודאי א גרויסע מצוה מחזק צו זיין, און די אלע מחזיקי תורה זאלן געבענטשט ווערן ממעון הברכות, בברכה המשולשת בתורה, וואס די תורה הקדושה בענטשט די אלע וואס זענען מחזיקים, עץ חיים הוא למחזיקים בה, זיי זאלן געבענטשט ווערן מיט בני חיי ומזוני רוויחי וכל מילי דמיטב כל הימים.

דורשי רשומות האבן געזאגט וויוא״ל מש״ה איז נוטריקון א'נכי ו'לא י'היה ל'ך מ'פי ה'גבורה ש'מענו, אונז שטיי מיר יעצט פאר יום טוב שבועות זמן מתן תורתינו, גאנץ כלל ישראל עמדו רגלם על הר סיני און זיי האבן געזאגט נעשה ונשמע, זוכה געווען מקבל צו זיין די תורה און צו הערן אנכי ולא יהיה מפי הגבורה.

## האבן מסירות נפש פארן הייליגן באשעפער

דער זיידע זכרונו לברכה אין ייטב לב פ׳ תולדות ברענגט אראפ, אז מען זעהט בחוש, אידן אפילו גאנץ שוואכע, קליינע בעלי השגות, און אפילו נישט די גרעסטע צדיקים, שוואך אין אידישקייט, טאמער איז עס געקומען צו א עת נסיון, ווען ס'האט זיך געהאנדלט מען האט זיי געוואלט צווינגען עובר צו זיין אויף דעם אנכי ולא יהיה לך, אחדות הבורא, האבן זיי געהאט מסירות נפש, און זיי האבן זיך געלאזט הרג'נען פארן כבוד פון הייליגן באשעפער, און מען פרעגט די שאלה ווי נעמט זיך דאס צו אזעלכע אידן פשוטי עם, פון האט זיך דאס גענומען אז הגם זיי זענען נישט נזהר אין אנדערע ענינים אין דעם זענען זיי געווען אזוי נזהר. איז ער דאס מסביר, ווייל אנכי ולא יהיה לך מפי ולתורתו הקדושה וואס אונזערע עלטערן האבן געהאט אין אזעלכע שווערע זמנים.

(כאן האריך בדברי תורה בביאור המדרש דאין ישראל ניזונין אלא בזכות אמונה)

די ווערטער איז פאסיג צו זאגן אלס אן הקדמה צו דעם ענין וואס שטייט אויפן סדר היום וואס יעדער איינער ווייסט דער מדובר, ס'איז אויסגעקומען נעכטן שבת קודש אין קרית יואל צו רעדן פון דעם ענין, און טייל דערפון וועט מען דא איבערזאגן און אויך מוסיף זיין עטליכע ענינים.

## תקרובת עבודה זרה – וואס איז דאס?

דאס ענין פון עבודה זרה ווערט צוטיילט אין די הלכה אין דריי קאטאגאריעס, ס'איז דא עבודה זרה ממש, דאס הייסט א געטשקעלע צו וואס אומות העולם בוקן זיך. נאכדעם איז דא משמשי עבודה זרה, וואס דאס איז שוין נישט די עבודה זרה אליין נאר דאס באדינט די עבודה זרה, למשל א קלויסטער, דאס איז נישט די עבודה זרה אליין, נאר ס'איז משמש ס'העלפט ארום און ס'ווערט באנוצט צו די עבודה זרה, און נאכדעם איז דא תקרובת עבודה זרה, די אומות העולם זענען מקריב קרבנות פאר די עבודה זרה, להבדיל אזוי ווי אידן האבן מקריב געווען קרבנות אין בית המקדש.

דאס איז דריי ענינים אין עבודה זרה, און דריי עקסטערע הלכות און כמה וכמה ענינים. דער סך הכל איז, אז ביידע סיי די עבודה זרה און סיי די תשמישי עבודה זרה איז אסור, לאמיר זאגן א משל מען גייט אין די גאס און ס'הייבט אן שטארק רעגענען, און מען שטייט נעבן א קלויסטער ווי ס'איז אפן די טיר, און ער וויל אריינגיין זיך באשיצן אויף א פאר מינוט פון דעם גאס רעגן ביז ס'וועט אויפהערן – ער האט חלילה נישט אינזין צו דינען די עבודה זרה און ער גיבט אפילו א שפיי אויף די עבודה זרה – טאר לארץ אויך.

בנידון דידן, וואס מען רעדט פון שערות, א שייטל וואס איז געמאכט געווארן פון תקרובת עבודה זרה, לויטן רמב״ם ווער עס טוט אן אזא שייטל וואס איז געמאכט פון תקרובת עבודה זרה, דער האט דאך הנאה פון דעם, איז ער עובר אויף צוויי לאוין דאורייתא, און ס'קומט איהם מלקות אויף דעם, ווער עס ברענגט עס אריין אין שטוב כדי מען זאל הנאה האבן, לויטן חינוך – וואס מען האט פריער נאכגעזאגט – האט מען שוין עובר געווען אויף א לאו וואס ס'איז דא מלקות. טאמער האט ער הנאה אז זיין ווייב האט אזא שייטל, איז ער אויך שוין א נהנה פון תקרובת עבודה זרה, און א איסור איז זיכער דא אויף דעם.

ס'איז א איסור לא תעשה דאס צו האלטן אין שטוב, יעדער רגע וואס מען האלט דאס אין שטוב איז מען עובר אויף דעם לאו פון האלטן תקרובת עבודה זרה אין שטוב, און נישט נאר איינמאל ווען מען ברענגט עס אריין נאר יעדע רגע, אזוי ווי בל יראה וואס מען איז עובר יעדע רגע וואס מען האט חמץ אין שטוב און מען איז עס נישט מבער איז מען עובר, דאס זעלבע איז ביי עבודה זרה משמשי עבודה זרה צו תקרובת עבודה זרה – לויט די שיטות וואס זאגן אז אויב מען נעמט עס אריין אין שטוב איז מען עובר – איז מען יעדע רגע עובר.

טאמער ווערט דאס א ספק, מען איז מסופק צו ס'איז עבודה זרה, דא האנדלט זיך פון א לאו דאורייתא, איז דאך א כלל גדול – לויט רוב ראשונים – אז ספיקא דאורייתא מן התורה לחומרא, דאס מיינט צו זאגן אז א ספק צו ס'איז תקרובת עבודה זרה דארף מען גיין לחומרא.

טאמער איז דא תערובות פון דעם, ס'איז נישט אינגאנצן עבודה זרה, צו תקרובת עבודה זרה וואס איז נאר א תערובות, דאס איז אין דעם פאל אז נישט דער גאנצער שייטל איז געמאכט

דער זיידע זכרונו לברכה אין ייטב לב פ׳ תולדות ברענגט אראפ, אז מען זעהט בחוש, אידן אפילו גאנץ שוואכע, קליינע בעלי השגות, און אפילו נישט די גרעסטע צדיקים, שוואך אין אידישקייט, טאמער איז עס געקומען צו א עת נסיון, ווען ס׳האט זיך געהאנדלט מען האט זיי געוואלט צווינגען עובר צו זיין אויף דעם אנכי ולא יהיה לך, אחדות הבורא, האבן זיי געהאט מסירות נפש, און זיי האבן זיך געלאזט הרג׳נען פארן כבוד פון הייליגן באשעפער, און מען פרעגט די שאלה ווי נעמט זיך דאס צו אזעלכע אידן פשוטי עם, פון האט זיך דאס גענומען אז הגם זיי זענען נישט נזהר אין אנדערע ענינים אין דעם זענען זיי געווען אזוי נזהר. איז ער דאס מסביר, ווייל אנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענו, אלע אידן האבן זוכה געווען צו הערן פון הקב״ה אליין, ממילא אז מען האט דאס געהערט פון השי״ת אליין איז דאס איינגעקריצט אין די נשמה פון יעדן איינציגן איד, און די דיבורי קודש וואס מען האט געהערט פון השי״ת איז א נצחי לעד ולנצח נצחים, ביז היינטיגן טאג קלונגט דאס אפ אין די אויערן פון יעדן איד, ממילא ווען מען האלט ביי אזא נסיון וואס איז נוגע אנכי ולא יהיה לך, איז יעדער איינציגער איד ווי אזוי מען זאל נאר נישט אויסזעהן, כאפט איהם אן א רוח טהרה ממרום, און איז גרייט אויף מסי״נ פאר השי״ת ווענן.

אונז שטיי מיר יעצט אין די ימי הספירה, ס׳איז נעכטן געווען שבת מברכים, וואס געווענליך זאגט מען נישט די תפלה פון אב הרחמים, אבער דעם שבת מברכים האט מען דאס יא געזאגט, אזוי ווי ס׳איז דער מנהג אין די ימי הספירה ווייל מען האט מתקן געווען די תפלה פון אב הרחמים אויף די גרויסע הריגות וואס איז געווען אין די ימי הספירה, ס׳איז באקאנט אין יאר תתנ״ו איז געווען גרויסע הריגות אין דייטשלאנד און אין פראנקרייך, אן א שיעור אידן האבן זיך געלאזט הרג׳נען על קדושת שמו יתברך, הם נשיהם בניהם ובנותיהם ה׳ ינקום דמם, די זעלבע זאך הייבן זיך יעצט אן די טעג און וואכן וואס ס׳איז די יארצייט פון אבות אבותינו וואס זענען גע׳הרג׳ט געווארן בשנות הזעם דורך די דייטשע רשעים ימ״ש, אונז די קינדער פון די אידן וואס זיי האבן געטרונקען דעם כוס הפורעניות, מיטגעמאכט די אלע צרות וואס מען קען זיך דאס גארנישט פארשטעלן, ווי מען רופט דאס א גיהנום אויף דער וועלט, אונז די קינדער פון דעם דור וואס זענען ניצול געווארן פון די מיט נסי נסים שלא כדרך הטבע, אונז וואס מיר זענען אויפגעוואקסן אונטער די רישומא וואס אונזערע עלטערן האבן אונז פארציילט, מיר זענען אויפגעוואקסן מיט א רושם פון די שווערע זמנים וואס זיי האבן מיטגעמאכט און דורכגעלעבט, מיר האבן געהאט די מעשיות פון די שווערע זמנים, אונז וואס ליגט אויף אונז א חוב עס איבערצו׳חזר׳ן דאס מסי״נ לה׳ עבודה זרה, די אומות העולם זענען מקריב קרבנות פאר די עבודה זרה, להבדיל אזוי ווי אידן האבן מקריב געווען קרבנות אין בית המקדש.

דאס איז דריי ענינים אין עבודה זרה, און דריי עקסטערע הלכות און כמה וכמה ענינים. דער סך הכל איז, אז ביידע סיי די עבודה זרה און סיי די תשמישי עבודה זרה איז אסור, לאמיר זאגן א משל מען גייט אין די גאס און ס׳הייבט אן שטארק רעגענען, און מען שטייט נעבן א קלויסטער ווי ס׳איז אפן די טיר, און ער וויל אריינגיין זיך באשיצן אויף א פאר מינוט פון דעם גאס רעגן ביז ס׳וועט אויפהערן – ער האט חלילה נישט אינזין צו דינען די עבודה זרה און ער גיבט אפילו א שפיי אויף די עבודה זרה – טאר מען נישט, פארוואס טאר מען נישט, ווייל מען טאר נישט הנאה האבן פון משמשי עבודה זרה, דאס שיצן זיך פונעם רעגן דאס איז א הנאה, און ס׳איז אסור בהנאה. די זעלבע איז דא נאך א דין פון תקרובת עבודה זרה, מען האט מקריב געווען א זאך צו די עבודה זרה, ווערט עס נאסר, דאס איז יין נסך, תקרובת עבודה זרה.

שיטת הרמב״ם ווען איינער האט הנאה פון עבודה זרה איז ער עובר אויף צוויי לאוין, ער איז עובר אויפן לאו פון ולא תביא תועבה אל ביתך, און ער איז עובר אויף ולא ידבק בידך מאומה מן החרם, דער רמב״ם האלט אז די צוויי לאוין מיינט הנאה פון עבודה זרה, און ער איז עובר דוקא ווען ער האט הנאה. אויב ברענגט אריין די עבודה זרה אין שטוב איז ער לויטן רמב״ם נאכנישט עובר, נאר ווען ער האט שוין הנאה.

דער חינוך – אזוי דער מנחת חינוך וויל לערנען פשט – קריגט אויפן רמב״ם, אז מען ברענגט אריין צו זיך די עבודה זרה כדי הנאה צו האבן, קומט איהם שוין מלקות אויף ולא תביא תועבה, ווייל ער האט שוין אריינגעברענגט די תועבה אין זיין שטוב אריין.

תוס׳ שיטה איז נאכמער, אפילו ער ברענגט עס אריין, און ער האט נישט בדעה הנאה צו האבן, ער ברענגט אריין אין שטוב אריין איז מען שוין עובר אויף דעם לאו.

דער מנחת חינוך גייט מיט א דרגא ווייטער, און ער זאגט אז אויב מען נעמט עס אין די האנט אריין איז מען שוין עובר.

שיטת הרמב״ם לגבי תקרובת עבודה זרה, אז ס׳איז אסור באכילה ובהנאה מן התורה, תוס׳ אין בבא קמא פרק מרובה זאגט אז באכילה איז עס אסור מן התורה, בהנאה איז תוס׳ מסופק אפשר נאר מדרבנן.

דער מנחת חינוך זאגט ווען איינער האט הנאה, אדער ער טראגט אריין אן עבודה זרה צו זיך אין שטוב איז ער נאך עובר אויף א עשה אויך, די עשה פון אבד תאבדון וואס גייט אן אין חוץ זרה משמשי עבודה זרה צו תקרובת עבודה זרה – לויט די שיטות וואס זאגן אז אויב מען נעמט עס אריין אין שטוב איז מען עובר – איז מען יעדע רגע עובר.

טאמער ווערט דאס א ספק, מען איז מסופק צו ס׳איז עבודה זרה, דא האנדלט זיך פון א לאו דאורייתא, איז דאך א כלל גדול – לויט רוב ראשונים – אז ספיקא דאורייתא מן התורה לחומרא, דאס מיינט צו זאגן אז א ספק צו ס׳איז תקרובת עבודה זרה דארף מען גיין לחומרא.

טאמער איז דא תערובות פון דעם, ס׳איז נישט אינגאנצן עבודה זרה, צו תקרובת עבודה זרה וואס איז נאר א תערובות, דאס איז אין דעם פאל אז נישט דער גאנצער שייטל איז געמאכט געווארן פון האר פון תקרובת עבודה זרה, נאר ס׳איז אריינגעמישט האר, ביי רוב איסורי תורה נעמט מען אן יבש ביבש ווערט בטל ברוב, ס׳איז דא אזא זאך אז ס׳ווערט בטל בס׳ ווען ס׳איז דא זעכציג מאל אזויפיהל, עבודה זרה מיט משמשי עבודה זרה תקרובת עבודה זרה אפילו באלף לא בטיל, און מען טאר נישט האבן דערפון, דאס הייסט אז אויב אין א שייטל איז דא אפילו איין האר פון תקרובת עבודה זרה, איז דאס גאנצע שייטל אסור בהנאה.

דאס איז אביסל הלכה, יעצט וועלן מיר צוגיין צום עצם שייטל, די האר שייטלען, וואס מען רופט אויף ענגליש "יומען העיר".

## פון וואו קומען די "האר שייטלען"

פון ווי נעמט זיך האר פאר שייטלעך?, יעדער איינער פארשטייט, אלע מענטשן אויף דער וועלט אנשים ונשים ס׳וואקסט האר בכל עת ובכל זמן, ס׳ווערט לענגער שערט מען עס אונטער, די האר וואס מען שערט אונטער דאס ווערט אוועקגעווארפן, פון דעם קען מען קיין שייטל נישט מאכן, פון ווי דען מאכט מען יא, פון ווי נעמט מען די האר?, ס׳איז אויסגעקומען צו רעדן מיט הגאון רבי מאיר בראנדסדארפער שליט״א חבר הביד״צ אין ירושלים עיה״ק, זיי טוען שוין א לענגערע זמן אין דעם ענין, מענטשן מיינען אז דאס איז א זאך וואס איז יעצט נולד געווארן, אמת כלל ישראל איז יעצט געוואר געווארן פון דעם פראבלעם, אבער די וואס זענען באהאונט אינעם ענין ווייסן שוין גאנץ א לענגערע זמן פון דעם, מען האט נישט געטומלט אין די גאס ווילאנג מען האט נישט געוואוסט עפעס א דבר ברור, מען האט נישט געזוכט צו מאכן סתם א טומל, מען האט אוועקגעשיקט שלוחים, מען איז געזעסן, און פארשידענע אופנים ווי אזוי מען איז א זאך מברר, און ער האט מיר געזאגט – ער איז א איד א תלמיד חכם א ירא שמים א ערנסטער רב – אז מען האט מברר געווען באופן ברור

**(פארזעצונג אויף קומענדיגע זייט)**

(פאָרזעצונג פון פריערדיגע זייט)

אז די האר וואס קומען פון אינדיע זענען תקרובת עבודה זרה ממש, האט ער מיר געזאגט אין א שמועס פארגאנגענעם דאנערשטאג, די לאנגע האר זענען "אלע" פון אינדיע, די קורצערע קומט רוב פון אינדיע און א טייל קומט פון כינע און א טייל פון אוקריינא, דארט אין די אנדערע מדינות גייט מען ארום צו ארעמע מענטשן און מען גיבט זיי כך וכך געלט, פארקויף מיר די האר, און ס'איז דא ארעמע מענטשן וואס פארקויפן זיך די האר, דער מציאות איז אבער אז די אינדישע האר איז די בעסטע קוואליטעט, ס'האלט זיך בעסער און ס'איז שטערקער.

דרך אגב, א אינגערמאן האט צוגעברענגט אן אויסשניט פון א ניו יארקער צייטונג וואס הייסט "דער וואל סטריט דזשורנאל" נאך געשריבן אין אוגוסט 21 יאר '03 למספרם, און ער הייבט אן א גאנצע ארטיקל איבער די האר, ער הייבט אן ווי אזוי מען פארט אהין דער וואס דארף א ישועה, און מען גיבט א דאנק פאר די עבודה זרה – מען האט זיך נישט פארגעשטעלט אז ס'איז נאך דא היינט בזמנינו אפגעטער – און דארט איז דער פסל דער אפגאט, מען קומט זיך באדאנקען, און אלס דאנק גיבט מען אוועק די האר, מען שניידט זיך אפ די האר, דאס איז דער קרבן וואס זי גיבט פאר דעם אפגאט. און דער צייטונג וועט קיינער נישט זאגן אז ס'זוכט מחמיר צו זיין חומרות, ס'איז דאך א ביזנעס צייטונג, ס'ברענגט ארויס דעם חלק המסחר ווי אזוי ס'גייט צו, און ווי אזוי ס'ווערט דארט צוזאמען גענומען ביז ס'קומט אן קיין רוים, אין רוים דארט איז א גרויסע סטאנציע פאר דעם, דארט איז דא איינער און ער האט אידישע נאמען, ער הייסט דעויד גאלד, ער פארדינט פון דעם זיבעציג מיליאן דאלאר אין איין יאר פון די האר.

כלפי וואס זאגט מען דאס, ווייל מען רעדט אז מען קויפט די האר אין אייראפע, אין רוים און אין איטאליע, דארט איז א גרויסע צענטער, אמת מען קויפט דאס ס'קומט פון רוים פון איטאליא און פון אנדערע שטעט, אבער דער מקור דערפון איז אינדיע, זיבן און פערציג מיליאן דאלאר איז אריינגעקומען פון האר אין איין יאר, דאס איז וואס דער צייטונג שרייבט.

א צווייטער צייטונג האט מען צוגעברענגט, אויך אן אמעריקאנער צייטונג, ער באשרייבט אויף באריכות גדול דעם סדר פון די עבודה זרה ווי אזוי ס'גייט, און ס'קומט אן צו די אמעריקאנער מארקעט, און די האר פארקויפט זיך צווישן פופצן הונדערט דאלאר און דריי טויזענט דאלאר א שייטל, דאס איז דער מארקעט פרייז פאר די אינדישע האר. איז ווען עמיצער זאגט אז דאס איז די ביליגע שייטלען און נישט די טייערע, האט ער א

א) מען טאר עס נישט אנטוהן, ב) מען טאר נישט הנאה האבן פון דעם, ג) און מען טאר עס נישט האלטן אין שטוב אפילו איין רגע, ממילא דארף מען עס ארויסטראגן פון שטוב תיכף ומיד.

ס'איז געווארן א גרויסער טומל, כלל ישראל איז זייער ערליך, די ערשטע זאך ווען עמיצער הערט רופט מען אן דעם סוחר פון וועם מען האט עס געקויפט, ס'איז קלאר יעדער איינער ווייסט אז די האבן אויסצושטיין א הפסד מרובה, דא האנדלט זיך אין שייטלען ווערט מיליאנען מיליאנען דאלארן, ווי א גרעסערער סוחר ער איז אלס מער סחורה פארמאגט ער, און אז מען פסל'ט אפ די גאנצע סחורה מיינט דאס אז ער דארף עס אין מיסט ווארפן, ער קען נישט און ער טאר נישט צוריקגעבן דאס געלט ווייל דאס געלד וואס ער וועט באקומען איז ביי עבודה זרה תופסת דמיה און דאס געלט ווערט אסור, אזוי קאמפלאצירט ווערט די הלכה, ער קען עס נישט פארקויפן און ער טאר עס נישט פארקויפן.

## סוחרים האבן נישט קיין נאמנות

מען קען זיך פארשטעלן אז ווי א העכערע סוחר מען איז, זענען דא אזעלכע וואס פרעגן נישט קיין שאלה און האבן נישט קיין שאלה, צי זיי זענען אידן נישט קיין שומרי תורה, צי זיי זענען גאר גוים גמורים און האב נישט קיין שאלה, ס'איז פשוט און קלאר, און יעדער בר דעת פארשטייט וואסערע שאדן דא ליגט, אזוי אז די סוחרים האבן נישט קיין שום נאמנות! קיין שום נאמנות צו זאגן אז זיין סחורה קומט פון דא צי פון דארט! ווייל יעדער איינער פארשטייט וואס ער גייט דא שאדן האבן און וואס ער גייט

דערלייגן.

ווי פריער געזאגט, איז רוים דער גרויסער צענטער פון ווי שייטלען קומען, זעט אויס אז רוים וואס דאס איז דער מקור הטומאה פון איין עבודה זרה האט זוכה געווען טאקע צו דעם ס'זאל זיין דער מקור הטומאה צו פארשפרייטן א צווייטע עבודה זרה פאר די גאנצע וועלט, די מלכות רוים הרשעה וואס האט חרוב געמאכט דעם ביהמ"ק דאס פארשפרייט עבודה זרה בזמן הזה פאר די גאנצע וועלט.

אזוי אז מען רירט אן דעם נאמען וואס מען רופט דאס אן "קאסטום שייטל" דאס איז דער מין המשובח די טייערע, טאקע די טייערע מיינט מען.

## קיום מצות אבד תאבדון

ס'איז דא א שיינע מעשה וואס דער חתם סופר זכרונו לברכה האט פארציילט וואס ער האט געהאט מיט זיין רבין רבי נתן אדלער זכרונו לברכה, ער איז אמאל געפארן מיט זיין רבין אויפן וועג, בימים ההם איז מען געפארן מיט א פערד און וועגעלע, א וואגן איינגעשפאנט צו א פאר פערד, האט פאסירט אויפן וועג אז איינע פון די פערד איז קאליע געווארן, ממילא האט מען זיך אפגעשטעלט מען האט נישט געקענט ווייטער פארן, איז וואס טוט מען, מען דארף האבן נאך א פערד מען זאל קענען ממשיך זיין, זענען זיי געבליבן דארט און זיי האבן אריינגעשיקט דעם בעל עגלה צום ערשטן דארף ער זאל ברענגן א פערד מען זאל קענען ווייטער פארן, האט דער חתם סופר פארציילט אז ער איז געזעסן


קהל יטב לב ד'סאטמאר

Cong. Yetev Lev D'Satmar

163 Rodney Street • Brooklyn NY 11211 • Tel. (718) 302-6720 • Fax: (718) 302-4447

בס"ד

# מודעה נחוצה

כפי הוראת כ"ק מרן גאב"ד קרית יואל שליט"א איז בנוסף צו תקנת קהלתינו הק' וואס ערלויבט נישט אריינצוקומען אין עזרת נשים פון אונזער

פון אנדערע שטעט, אבער דער מקור דערפון איז אינדיע, זיבן און פערציג מיליאן דאלאר איז אריינגעקומען פון האר אין איין יאר, דאס איז וואס דער צייטונג שרייבט.

א צווייטער צייטונג האט מען צוגעברענגט, אויך אַן אמעריקאנער צייטונג, ער באשרייבט אויף באריכות גדול דעם סדר פון די עבודה זרה ווי אזוי ס'גייט, און ס'קומט אן צו די אמעריקאנער מארקעט, און די האר פארקויפט זיך צווישן פופצן הונדערט דאלאר און דריי טויזענט דאלאר א שייטל, דאס איז דער מארקעט פרייז פאר די אינדישע האר. איז ווען עמיצער זאגט אז דאס איז די ביליגע שייטלען און נישט די טייערע, האט ער א גרויסן טעות ווייל פון אינדישע האר ווערן פאבריצירט די טייערע שייטלען, דאס קומט פון דארט. די האר זאגן זיי איז עפעס משובחות במינם, אזוי איז די טבע וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, מענטשן אין די טייל וועלט זענען אנדערש ווי אין די אנדערע טייל, דאס איז דער עובר לסוחר.

## זיך שערן פאר די עבודה זרה

ס'איז דא א דין אז מען שעכט א קרבן פאר א עבודה זרה איז דאס תקרובת עבודה זרה, ס'איז אבער לאו דוקא שעכטן א בהמה, אז מען נעמט א שטעקן און מען צוברעכט דאס פאר די עבודה זרה, ווייל דאס איז דער סדר, זאגט די גמרא שבירתן זו היא זביחתן, דאס צוברעכן דאס איז אזוי ווי גע'שחט'ן, ממילא איז נעמען די האר און שניידן דאס שטייט נישט אין די גמרא, אבער ווער ס'איז מדמה מילתא למילתא פארשטייט אז דאס אפשניידן די האר לשם עבודה זרה דאס איז געדינט עבודה זרה, ממילא ווערט דאס תקרובת עבודה זרה, דאס איז קלאר.

## מיט וויפיל לאוין שפילט מען זיך ביים אנטוהן א שייטל

קומט אויס להלכה א הארבע שאלה אויף די שייטלען, יעדער שייטל וואס קומט פון אינדיע אדער ס'איז א ספק אז עס קומט פון אינדיע, און אפילו ס'קומט נישט מען האט אבער אריינגעמישט האר וואס א טייל פון דעם קומט פון אינדיע, ווערט דער גאנצער שייטל אסור בהנאה מן התורה, נישט קיין נפקא מינה צו ס'איז א גרויס שייטל א לאנג שייטל אדער קורץ, צו מען זאל עס רופן פראנט, צו מען זאל עס רופן פריזוט, דאס איז נישט קיין נפקא מינה, ווי באלד ס'האט אין זיך דער ענין פון תקרובת עבודה זרה איז דאס אסור "בהנאה". און מען האט שוין פריער דערמאנט אז ווער עס האט הנאה פון תקרובת עבודה זרה איז עובר אויף צוויי לאוין, יעדעם מאל וואס מען טוט עס אן און יעדעם מאל וואס מען האט הנאה איז מען עקסטער עובר. אזוי אז ס'קומט אויס להלכה,

163 Rodney Street • Brooklyn NY 11211 • Tel. (718) 302-6720 • Fax: (718) 302-4447

בס"ד

# מודעה נחוצה

כפי הוראת כ"ק מרן גאב"ד קרית יואל שליט"א איז בנוסף צו תקנת קהלתינו הק' וואָס ערלויבט נישט אַריינצוקומען אין עזרת נשים פון אונזערע בתי מדרשים מיט "לאַנגע שייטלען", נאָר געטעיפּערטע,

**איז מטעם קהלתינו הק' אויך שטרענג פאַרבאָטן אַריינצוקומען אין עזרת נשים מיט סיי וועלכע האָר-שייטלען, סיי פון בלויז מענטשליכע האָר און סיי פון געמישטע מיט מענטשליכע האָר.**

עס איז נאָר ערלויבט אַריינצוקומען אין עזרת נשים מיט הונדערט פּראָצענט סינטעטישע שייטלען, און ווי פאַרשטענדליך, קורץ, געטעיפּערט און צוגעדעקט מיט אַ טיכל (נישט מיט קיין הוט) פולשטענדיג אויסגעהאַלטן לויט די גדרי הצניעות, אַזויווי מיר האָבן מקבל געווען פון כ"ק רבינו הקוה"ט זי"ע מייסד הקהלה.

אינעם זכות פון אָפּהיטן די גדרי הצניעות זאָלן מיר אויסגעלייזט ווערן בקרוב במהרה ומלכינו בראשינו בב"א.

ב' במדבר תשס"ד לפ"ק

הנהלת הקהלה

דארט מיטן רבין אינאיינעם, ס'איז געווען ווינטער און ס'איז געווען פארשנייט, אויפאיינמאל זעהט ער ווי דער רבי שפרינגט אראפ פון וואגן און ער נעמט זיך טאנצן אויפן שניי, ער האט נישט געוואוסט וואס ס'איז געשעהן, פרעגט ער רבי וואס האט פאסירט, זאגט ער איהם דו זעהסט נישט וואס דא איז, דער גוי קומט צו גיין מיט א אקס, דער גוי האט געדארפט האבן נאך א בהמה איינצושפאנען האט ער געברענגט א אקס מען זאל איינשפאנען צו דעם וואגן, ס'איז דאך געווען דארט איינגעשפאנט פערד, און צו פארן מיט א וואגן א פערד מיט א אקס דאס איז כלאים, זאגט ער איהם זעהסט ער האט געברענגט א אקס מען טאר נישט פארן מיט דעם, האט ער געפרעגט נו פארוואס טאנצט דער רבי, האט ער געזאגט אז אין זיין לעבן איז איהם נישט אויסגעקומען מקיים צו זיין די מצוה לא תחרוש בשור והחמור יחדיו, ער איז נישט קיין פארמער, ס'איז איהם יעצט אונטערגעקומען אז ער גייט נישט פארן מיט דעם וואגן ווייל ס'איז כלאים, ער גייט מקיים זיין א לאו אין די תורה וואס ער האט אין זיין לעבן נישט מקיים געווען, האט ער געטאנצט אויף די שניי פאר שמחה וואס פון הימל האט מען איהם אונטערגעריקט אזא געלעגנהייט מקיים צו זיין די לא תעשה, אזוי האט דער חתם סופר דערציילט.

הונדערטער יארן איז שוין ביי אידן נישט געווען אזא הארבע שאלה פון הנאה האבן פון תקרובת עבודה זרה, מען וועט עס נישט טרעפן אין קיין שום תשובה ספר א שאלה פון תקרובת עבודה זרה, ווי איז דאס געווען אין די אלע מדינות ווי אונז זענען געווען אין גלות, אויפאיינמאל איז געווארן א שאלה חמורה וואס נעמט ארום ממש כלל ישראל מסוף העולם ועד סופו ווי ס'איז נאר דא אידן שומרי תורה ומצות, און ס'האנדלט זיך נישט פון א חומרא עפעס א שיטה, ס'האנדלט זיך מיט א לאו דאורייתא, וואס רבנים מובהקים זאגן אז זיי זענען נאכגעגאנגען די זאך מיט חקירות ודרישות, ביז זיי זענען געקומען צו די החלטה אז דאס איז תקרובת עבודה זרה און מען טאר דאס נישט אנטוהן.

## זענען סינטעטיק שייטלען "מותר"?

מען האט עס שוין נעכטן געזאגט אין קרית יואל און מען דארף עס דא איבער'חזר'ן, מען טאר על פי הלכה נישט אנטון א שייטל וואס האט אין זיך א חשש א ספק אז ס'האט אין זיך האר וואס קומט פון אינדיע ווייל ס'איז א הארבער איסור, אויסער א הונדערט פראצענט סינטעטיק שייטל "אן א האר", ווייל מען האט שוין היינט געהערט אז אפילו סינטעטישע איז דא געמישט פון די שייטל גייען זיי אויפגעדעקט, ממילא איז ער אריין בדוחק להיתר, אויך נאר ווייל ער האט עפעס א קליינער קאמפאני וואס ער זאגט אז ער וויל זיך פארלאזן אז זיי נעמען נאר האר פון אוקריינא, און ער אליין האט מיר געזאגט אז די גרעסערע סוחרים, אלע מישן!, אלע!, איינער אביסל און איינער מער, און ער האט מיר געזאגט אז פארן היימישן ציבור פאר די וויל ער נישט מתיר זיין, און פאר זיי קען מען נישט מתיר זיין!.

דערפאר ווענדט מען זיך דא צו די אידן וואס זיצן דא, און צו די עזרת נשים די נשים צדקניות, מען זאל וויסן אז מען דארף אראפנעמען די עבודה זרה פון קאפ און עס ארויסטראגן פון שטוב! אונזערע מאמעס אונזערע באבעס האבן זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש ה', ממש מוסר נפש געווען, צאי לך בעקבי הצאן!

## מסי"נ פון די נשים ביים אויסטוהן די שייטלען

איך האב געהערט פונעם טאטן זאל זיין געזונט, האט ער נאכגעזאגט פון בעלזער רב רבי ישכר בער זכרונו לברכה, אז ווען א כלה האט חתונה און זי שניידט זיך אפ די האר, איז זי מקריב א קרבן פארן באשעפער, די האר דאס איז חלק פונעם גוף, און ביי א אשה איז דאס א חלק חשוב מאוד, און אז זי שניידט דאס אפ, זי גיבט דאס אוועק ווייל דער הייליגער באשעפער האט געהייסן, איז דאס גלייך ווי זי איז מקריב א קרבן פארן באשעפער, קען מען זאגן היינט צו טאג, די נשים צדקניות וואס זענען זיך מונע פון די עבודה זרה שייטלען, זיי זענען מקריב א קרבן פארן באשעפער, און עס איז זייער חשוב ביים הייליגן באשעפער.

נעכטן אויף דער נאכט אין קרית יואל, איז געווען א מחזה הוד! הונדערטער נשים אן קיין גוזמאות, זענען געקומען און געברענגט די שייטלען מיט שמחה, און מיט טרערן פון התרגשות עס פארברענט פארן בית המדרש, עס איז געווען א רויך, דער רויך איז געווען אזוי ווי דער עשן פון די קטורת, א ריח ניחוח אשה לה', ס'איז געווען א שמחה גדולה בעולמות עליונים!, ויבואו האנשים על הנשים, און טייל האב מיטגעברענגט די קינדער זיי זאלן מיטהאלטן וויאזוי מען ווארפט אוועק און מען פארברענט די שייטלען, אידן האבן פארברענט די שייטלען אין פייער און האבן געשריגן "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד"!

## אהבתי אתכם אמר ה'!

אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרים, מען איז זיך מטהר פון עבודה זרה, ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים!, אידן האבן מקיים געווען דעם ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך, ובכל מאודך איז טייטש מיט געלט, ווערד פון שווערע הונדערטער טויזנטער דאללער איז פארברענט געווארן. דריי שעה איז מען געשטאנען אין די רייע און געברענגט שייטלען און זיי אריינגעווארפן אין א שריפה.

אידן האבן מקיים געווען "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך", אתערותא דלתתא ברענגט אן אתערותא דלעילא, ס'איז א דבר ברור אז דער אייבערשטער האט

(פארזעצונג אויף זייט 120)

# דעת תורה

## מכ"ק מרן גאב"ד שליט"א - והגאון הדומ"ץ שליט"א

### אין אידישע איבערזעצונג

ב"ה.

**החיים והשלום לכבוד די איינוואוינער**
**פון אונזער שטאט ק"ק קרית יואל יע"א**

חומרא עפעס א שיטה, ס'האנדלט זיך מיט א לאו דאורייתא, וואס רבנים מובהקים זאגן אז זיי זענען נאכגעגאנגען די זאך מיט חקירות ודרישות, ביז זיי זענען געקומען צו די החלטה אז דאס איז תקרובת עבודה זרה און מען טאר דאס נישט אנטוהן.

## זענען סינטעטיק שייטלען "מותר"?

מען האט עס שוין נעכטן געזאגט אין קרית יואל און מען דארף עס דא איבער'חזר'ן, מען טאר על פי הלכה נישט אנטון א שייטל וואס האט אין זיך א חשש א ספק אז ס'האט אין זיך האר וואס קומט פון אינדיע ווייל ס'איז א הארבער איסור, אויסער א הונדערט פראצענט סינטעטיק שייטל "אן א האר", ווייל מען האט שוין היינט געהערט אז אפילו סינטעטישע איז דא געמישט פון די זעלבע מין האר, דערפאר דארף מען ארויסזאגן קלאר: סינטעטיש אינגאנצן אָן א האר, און אפילו דאס צו זאגן אז מען מעג גיין איז זייער שווער, ווען דער הייליגער דברי חיים זאגט אז מען טאר נישט גיין מיט קיין שום שייטל קען מען נישט זאגן אז מיט דעם שייטל מעג מען גיין, מען קען נאר זאגן אז די שייטלען האט א דין ווי די שייטלען וואס מען איז געגאנגען ביז היינט.

ס'איז פארשטענדליך אז דאס מיינט א גרויסער געלט שאדן פאר אסאך אידישע הייזער, ס'איז פארשטענדליך אז דאס ברענגט ארויין כלל ישראל יעדן יחיד עקסטער אין א גרויסן נסיון, גרויסע נסיונות, נשים דעתן קלות, און מען זוכט אין אזא צייט פארשידענע היתרים, דארף מען זיין געווארנט, חלילה מען זאל זיך מיקל זיין אין אן עון עבודה זרה וואס איז אן איסור דאורייתא, אפילו א חשש איסור דאורייתא.

מען מוז זאגן מיט א קרעכץ און מיט ווייטאג, ליידער האט פאסירט א גרויסער מכשול ביי א גרויסן חלק פון כלל ישראל, א מכשול גדול ונורא, אלפי רבבות ישראל זענען נכשל געווארן טאג טעגליך אין אזעלכע איסורים חמורים, ס'דארף זייער ווי טוהן דער עבר, ס'איז זייער א ווייטאגליכער זאך, פשוט מען דארף וויינען אויף וואס ס'האט פאסירט.

מען קען נאר אזויפיל זאגן: משכו ידיכם מעבודה זרה, מען זאל אוועקשטיין פון עבודה זרה, משמשי עבודה זרה און תקרובי עבודה זרה.

## איז דא איינער וואס איז מצדד להיתר ביי דעם ענין?

ס'איז אויסגעקומען היינט נאכמיטאג צו רעדן מיט א חשוב'ער רב וואס מען זאגט אין זיין נאמען היתרים, א רב וואס איז גאנץ גוט באהאוונט אין דעם ענין, ער האט געזאגט אז ס'איז שוין צוויי וואכן וואס ער טוט אין דעם ענין, ער זאגט אז ער איז אריין אין א דוחק מתיר צו זיין, ווייל מען פרעגט אים שאלות פון אזעלכע פלעצער וואס גייען פרועי ראש אויפגעדעקט, און ווען נישט די

# מב"ק מרן גאב"ד שליט"א - והגאון הדומ"ץ שליט"א

## אין אידישע איבערזעצונג

ב"ה.

### החיים והשלום לכבוד די איינוואוינער
### פון אונזער שטאט ק"ק קרית יואל יע"א

עס איז שוין לאנג באוואוסט דער דעת תורה פון אונזערע עלטערן און אונזערע הייליגע רביים וואס זיי האבן געאסר'ט אנצוטוהן א שייטל, און אזוי פירן זיך טויזענטער ערליכע אידישע טעכטער אז זיי טוען נישט אן קיין שום שייטל, ווי עס לויטעט די רייד פון די פוסקים אז א שייטל איז גענצליך אסור.

און יעצט איז מען נתעורר געווארן דורך הגאון הראב"ד עיה"ק ירושלים ת"ו שליט"א, אז אויסער דאס אויבנדערמאנטע, איז פארהאן אין די שייטלען וואס קומען פון אינדיע דעם פראבלעם אז דאס ווערט באנוצט צו דינען דערמיט עבודה זרה, און נאכדעם וואס איך האב איבער גערעדט די אויספירליכע פרטים מיט הגאון רבי מאיר בראנסדארפער שליט"א חבר הבידי"צ, וויל איך דא מודיע זיין דעם דעת תורה פאר אלע אנשי שלומינו שיחיו, ווי פאלגענד.

**די שייטלען וואס קומען פון אינדיע האבן א דין פון תקרובת עבודה זרה, און ס'איז אסור פאר א אידישע טאכטער זיי אנצוטוהן, און ס'איז אסור הנאה צו האבן פון דעם.**

**צוליב דעם זאל א אידישע טאכטער נישט אנטוהן קיין שום סארט שייטל וואס ווערט געמאכט מיט מענטשליך האר, וואס עס איז נישט קלאר פעסטגעשטעלט אויף דעם שייטל, אז עס ענטהאלט נישט אין זיך קיין שום געמישעכץ פון די אויבנדערמאנטע סארט האר וואס שטאמט פון אינדיע.**

און אין זכות פון אפהיטן אונזער הייליגע הלכה, זאל דער אייבערשטער מאכן רוען די שכינה צווישן אונז, און ס'זאל נישט ווערן באהאפטן אין אונזערע הענט גארנישט פונעם אומווערדיקייט, און דער אייבערשטער זאל איינצוימען די פירצות פון אידישן פאלק בביאת גואלינו בב"א.

הכו"ח היום ה' פרשת בה"ב (ל"ז למב"י) שנת תשס"ד לפ"ק

**הק' אהרן טייטלבוים** **הק' געציל בערקאוויטש**

אויגן אבער ווען מען קומט פון אויכן אין הימל איז א גאנץ אנדערע ווערטשאפט, דארט זעהט מען שוין די אלע זאכן – שטיין אונטער א חופה, ווען דארט איז דא אן עבודה זרה שייטל.

א איד זיצט מיט די משפחה פסח אויף דער נאכט און ער פירט אפ דעם סדר, און מען זאגט די הגדה מיט אלע מסובין, מתחילה עובדי עבודה זרה היו אבותינו ועכשיו קרבנו המקום לעבודתו, און מען זאגט דאס מיט אן עבודה זרה שייטל.

עס קומט ראש השנה אויף דער נאכט, א אשה כשירה בענטשט לעכט, און איז מתפלל בדמעות שליש אויפן יאר וואס קומט אריין, זי בעט זיך אוים א גוט יאר פאר זיך פארן מאן פאר די קינדער און פאר די אייניקלעך, זי פארגיסט טרערן ביי לעכט בענטשן, מיט אן עבודה זרה שייטל אויפן קאפ!

ראש השנה און יום כיפור אין די הייליגע טעג – די וואס גייען יא מיט א שייטל אין בית המדרש – דאווענען און זענען מתפלל צו השי"ת מיט אן עבודה זרה שייטל אויפן קאפ!

דער זיידע זכרונו לברכה אין עצי חיים (פ' וארא) טייטשט דאס וואס משה רבינו האט נישט מתפלל געווען אין מצרים, ער האט געזאגט כצאתי את העיר אפרוש כפי אל ה', זאגט רש"י אבל בתוך העיר האט ער נישט מתפלל געווען, פארוואס האט ער נישט מתפלל געווען אין די שטאט, ווייל עס איז געווען מלאה גילולים, פיל מיט עבודה זרה. איז דער זיידע זכרונו לברכה מסביר מיט די גמרא (שבת יב.) אז ווען א איד דאווענט דארף ער האבן מלאכים זאלן ארויף טראגן די תפילות צום הייליגן באשעפער, און אזוי ווי עס איז מלאה גלולים קען א מלאך נישט אריינגיין, ממילא האט ער נישט געקענט דאווענען אין שטאט ווי ס'איז געווען מלאה גילולים.

אויב א "עזרת נשים" איז מלאה גלולים, פיל מיט עבודה זרה, ווי אזוי זאלן די תפילות ארויפגיין צום הייליגן באשעפער?

מען זאגט נאך פון בעלזער רב זכרונו לברכה, אין די ערשטע קריג ווען ער איז געווען בתוך הגולה, איז געקומען יום טוב און מען האט צוגעשטעלט א בית המדרש, האט ער געפרעגט צי מען האט געמאכט א ווייבער שוהל, האט מען געזאגט ניין, האט ער געזאגט ער וויל ס'זאל זיין א ווייבער שוהל, ווייל ווען די נשים צדקניות דאווענען אין די הייליגע טעג, און זענען מוריד דמעות ביים דאווענען, איז דאס בוקע רקיעים און די תפילות גייען ארויף. ווי אזוי קענען אבער די תפלות פון די נשים צדקניות בוקע רקיעים זיין ווען זיי האבן אן עבודה זרה שייטל אויפן קאפ?

## היכי דמי תשובה?

## דער איסור אויף די אמאליגע שייטלען

אז מען רעדט, דארף מען רעדן בכלל וועגן דעם ענין פון שייטלען, געלויבט השי"ת אז אין קרית יואל, צווישן פערציג און פופציג פראצענט, דאס הייסט בערך עלף צוועלף הונדערט משפחות, גייען נישט מיט קיין שייטלעך, זייער א גרויסע פראצענט! אוודאי איז דאס בזכותו ובכוחו של אותו זקן, דער פעטער זכרונו לברכה האט משריש געווען א כח הקדושה אין צניעות פון די שטאט, דאס זענען תלמידות פון בית רחל קרית יואל וואס גיבט ארוים פירות לשם ולתפארת ולתהלה.

עס איז דא א שיינע מעשה פון דברי חיים זי"ע, א פלא'דיגע מעשה, בימיו איז ארויסגעקומען דאס ענין פון די שייטלען, נישט געווען די היינטיגע שייטלען, די דעמאלטדיגע שייטלען – ווען מען זאל דאס וועלן מסביר זיין – זאל מען זיך פארשטעלן אזוי ווי מען זאל נעמען פון די קלאטשע (פלאקס) פון די אתרוג און פון דעם האט מען געמאכט א שייטל, דאס איז דאס געווען בערך, און דאס האט דער דברי חיים גע'אסר'ט!

בימיו איז ארויסגעקומען דער ענין פון די שייטלען, און עס האט פאסירט – ל"ע אויף קיין שום איד נישט געזאגט, ער האט געהאט דעמאלטס די דריטע רעבעצין – עס איז איהם ל"ע אוועק דריי קינדער אין שטוב, האט דער דברי חיים דאס תולה געווען אז ער האט נישט גענוג לוחם געווען אנטקעגן די שייטלען, האט ער געהייסן אז ער וויל זאגן א הספד אין די שטאט, מען שטעלט זיך פאר ס'איז זיך צוזאמען געקומען א גרויסער עולם האט ער דעמאלטס מרעיש עולם געווען אנטקעגן די שייטלען ביי דעם הספד, בתוך הדברים האט ער געזאגט "זה דרכו של יצר הרע היום אומר לו עשה כך ומחר אומר לו עשה כך עד שאומר לו לך עבוד עבודה זרה", די מימרא האט דער דברי חיים געזאגט ביי דעם הספד, ס'איז אלעמאל געווען א פלא והפלא ווי קומט עבודה זרה צו די שייטלען, היינט צו טאג זעהט מען רוח הקודש הופיע בבית מדרשו, ער האט מרגיש געווען אז די שייטלען דאס וועט אנקומען צו א ענין פון עבודה זרה.

## עבירה גוררת עבירה – דער עצם עבירה פון "יומען־העיר"

ס'איז ידוע אז עס איז געווען א מחלוקה איבער גיין מיט שייטלען, אבער וויסן זאל מען אז אפילו די אחרונים וואס האבן יא מתיר געווען א שייטל, האבן נישט מתיר געווען די "יומען העיר" שייטלען וואס איז געמאכט פון שערות בני אדם, מען מיינט נישט יעצט די עבודה זרה שייטלען, נאר די עצם די האר שייטלען פון א מענטשליכן קאפ. מען האט אלעמאל געוואוסט אז דאס איז א פריצות'דיגע מלבוש, אלע רבנים האבן געווארנט אויף

אין א אידישע שטוב.

דער פעטער זכרונו לברכה האט נאכגעזאגט פון הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זכרונו לברכה, אז די גאולה איז תלוי בחוט השערה, אין א האר, ולענינינו קען מען מיינען, אז מען טוט אוים די עבודה זרה שייטלען, און בכלל די האר שייטלען, די "יומען העיר" שייטלען, און אין דעם זכות וועט אוודאי דער אייבערשטער העלפן אויף אלעם גוטן.

## א סגולה פאר גוטע קינדער תלמידי חכמים

הרה"ק ר' הלל קאלאמייער זכרונו לברכה זאגט נאך פונעם חתם סופר, אז די נשים וואס גייען אנגעטוהן פריצות'דיג וועלן נישט זוכה זיין צו קיין קינדער תלמידי חכמים, ומכלל לאו אתה שומע הן, די וואס גייען אנגעטוהן צניעות'דיג און געבן זיך אכטונג אויפן צניעות וועט זיי דער אייבירשטער העלפן זיי וועלן האבן גוטע געזונטע ערליכע קינדער.

מען דארף דאנקען און לויבן דעם אויבערשטן, אז אין קרית יואל איז לעצטנס געווען א גרויסע באוועגונג – בפרט אין די לעצטע פאר טאג – זיך אויסצוטון די שייטל מכל וכל, אפילו די סינטעטישע שייטלען. צענדליגער נשים צדקניות, מער ווי פינף מנינים האבן אין די לעצטע פאר טאג זיך אויסגעטון די שייטלען. (הערת המעתיק: יעצט מיטוואך בעת'ן מעתיק זיין די דרשה האלט עס שוין ביי איבער הונדערט פרויען) עס איז א קידוש שם שמים!, עס איז א קרבן פארן באשעפער!, און א ענין פון מסירות נפש!, ולפום צערא אגרא, ווי שווער דאס קומט אן אלץ מער און גרעסער איז די שכר, וויל מען דא בעטן תושבי וויליאמסבורג אז זיי זאלן נאכטון תושבי קרית יואל.

דער אויבערשטער זאל העלפן ס'זאל נתרומם ווערן שם שמים על ידיכם, מען זאל וויסן דעם שקר החן והבל היופי אשה יראת ה' הוא תתהלל, אלע אידן זאלן געבענטשט ווערן פונעם אויבערשטן מיט שפע ברכה והצלחה, גוטע קינדער, דורות ישרים מבורכים, תלמידי חכמים יראי ה', געזונט בגשמיות וברוחניות, חיי אריכי, אריכות ימים ושנים, רפואות אין ישועות פאר די אלע וואס דארפן דאס האבן, און פרנסה בריוח ובניקל, מיט גוטע שידוכים, און אלעם גוטס פאר יעדן איינעם בכל עת ובכל זמן, ביז עס וועט מקוים ווערן דער פיוט וואס מען זאגט אין די הייליגע טעג, ויאתיו כל לעבדיך, יעדער איינער וועט קומען דינען דעם הייליגן באשעפער – און דארט זאגט מען בתוך הדברים – ויזנחו את עצביהם, זיי וועלן אפלאזן זייערע עבודה זרה'ס, ויחפרו עם פסיליהם, און מען ענדיגט וישמעו רחוקים ויבואו ויתנו לך כתר מלוכה, במהרה בימינו אמן.

# התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא

# חוו"ד תורה בענין פאה נכרית משערות הודו (אינדיע)

באסיפה רבתי ממאה ועשרים חברינו הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א
היום, אחרי ששמענו עדות נאמנה מאותם שביקרו בארץ הודו (אינדיע)
ואחרי מו"מ ארוך של כמה שעות, החלטנו כדלהלן:

כיון שיש חששות גדולות על השערות הבאים משם,
משום דין תקרובת עבודה זרה.

## ע"כ אין להשתמש בשום פאה נכרית שיש עליהם חשש שהשערות מקורם היא מ"אינדיע".

וכבר יצא מאתנו פס"ד שאסור לאשה לחבוש שום פאה נכרית **CUSTOM MADE**
**HUMAN HAIR** הנעשית באופן שאין להבחין בין אשה נשואה לבתולה,

ע״כ אין להשתמש בשום פאה נכרית שיש עליהם
**חשש שהשערות מקורם היא מ״אינדיע״.**

וכבר יצא מאתנו פס״ד שאסור לאשה לחבוש שום פאה נכרית **CUSTOM MADE**
**HUMAN HAIR** הנעשית באופן שאין להבחין בין אשה נשואה לבתולה,
שכבר אסרוהו גדולי רבותינו נ״ע ולהבחל״ח שליט״א.

אותם המקילים לעצמם לילך עם פאה נכרית,
**צריכים לדקדק שיהי׳ רק ״סינטעטיש״**
שאין בהם תערובות שערות בני אדם, כדי להנצל משערות הבאים מהודו.

**ואין לסמוך על דברי הסוחרים עם פאה נכרית**
**בבירורן אם השערות הם מהודו או לא.**

ויה״ר שנזכה להנצל ממכשולות, ויקויים מ״ש להעביר גילולים מן הארץ והאלילים כרות יכרתון,
ותמלוך אתה ה״א לבדך מהרה על כל מעשיך בהר ציון משכן כבודך בירושלים עיר קדשיך בב״א

יום ד׳ לסדר במדבר, כ״ח אייר תשס״ד לפ״ק

**התאחדות הרבנים דארה״ב וקנדא**

# מספר פעולת צדיק לחיים

### מה שסיפר הרה"ח ר' חיים מרדכי שטיינבערג ז"ל

## אודות דרשת רבינו הק' מסאטמאר זי"ע בענין "פאה נכרית"

אינדערהיים אין די שטאט סאטמאר האב איך געהאט אפגעשריבן א קונטרס פון חידושי תורה פון רבי'ן זי"ע אויף חמשה חומשי תורה, אבער לײדער איז עס ביי די צווייטע וועלט קריג אוועק מיט'ן רויך. אבער פיל מאל דערמאן איך מיך תורות וואס זענען ביז איצט נישט געווען געדרוקט.

דער רבי האט געזאגט די תורה (תרצ"ו) אין די שטאט סאטמאר, דער רבי האט געהאט אונטערגענומען א שטארקן ארויסטריט קעגן אט די פירצה פון שייטלען וואס איז געווען איינגעבראכן, און ער האט יעדע וואך זינט אנפאנג יאר געהאלטן א דרשה אין אן אנדערע שול.

ס'איז דאן געגאנגען פרשת נח. דער רבי האט דאן געזאגט שבת אינדערפרי בעפאר'ן "קריאת התורה" אין איינע פון די הסידישע בתי מדרשים דאס פאלגענדע:

"וכוש ילד את נמרוד, הוא החל להיות גבור בארץ, הוא היה גבור ציד לפני ד', על כן יאמר כנמרוד גיבור ציד וגו' (בראשית י, ח), לכאורה, וואס איז די תורה אזוי מאריך מיט'ן לשון: הוא החל להיות גבור... הוא הי' גבור... כנמרוד גבור ציד.

נאר, די גמרא (מועד קטן ט"ז ע"ב) זאגט: "כושים משונים בעורם" די כושים זענען אנדערש פון אנדערע מענטשן מיט די קאליר פון זייער הויט, לכאורה, וואס איז די רבותא? נאר דער פשט איז, מ'זאל נישט מיינען אז ער איז אן אנדערע סארט באשעפעניש, דעריבער זאגט די גמרא, אז ער איז פונקט ווי אן אנדערער מענטש, ער איז נאר אנדערש מיט זיין אויסערליכן אויסזעהן, ער האט בלויז אן אנדערע הויט-קאליר.

דאס זאגט אונז דער פסוק "וכוש", ווען איינער וועט זיך באנוצן מיט'ן ביישפיל פון "כוש" און זיך טוישן די דרויסנדיגע מלבושים, זאגענדיג אז פון אינעווייניג וועט ער אבער בלייבן דער זעלבער חסידישער איד פונקט ווי פריער, זאגט אויף דעם דער פסוק, אז אזא איינער "ילד את נמרוד": אט דער מאכט געבוירן די מרידה אינ'ם אייבערשטן, "הוא החל להיות גבור

על כן – האט דער רבי פארענדיגט – דער וואס ס'וועט זיין פון די "עשרה ראשונים" (ערשטע צען) וועלכע וועלן אויסראטן די נגע פון שטוב זאג איך איהם צו "אלעס גוטס" און דער וואס נישט – דער רבי האט דערביי געגעבן א קלאפ מיט די האנט און געהעכערט זיין הייליגע שטימע – וויל איך נישט זאגן "חלילה פארקערט"!

ווי אויבן דערמאנט, איז די דרשה פארגעקומען פרשת נח אין איינע פון די חסידישע בתי מדרשים, אין די פאלגענדע וואכן נאך די דרשה, אין די וואכן פון פרשת לך, וירא... איז אין די שטאט סאטמאר געווען אן איבערקערעניש, מען האט געמאכט פון שייטלען "הבדלות", מ'האט עס פארברענט אין די מאסן, די מענער זענען געקומען מיט זייערע פרויען צום רבי'ן צו ערלעדיגן אז די פרויען זאלן פאלגן, די שטאט איז געווען וואך.

*

שפעטער ווען ס'איז געקומען די וואך פון פרשת חיי שרה (שבת מברכים כסליו) האט דער רבי געדאווענט אין די גרויסע "אשכנזי'שע" שול, וואו ס'פלעגן דאווענען די אלגעמיינע שטאטישע אידן, און האט דארט געזאגט א דרשה, האט ער צווישן אנדערן געזאגט: "איר האט דאך אוודאי געהערט וואס עס האט זיך געטון אין די שטאט וועגן די שייטלען, הלוואי וועל איך הערן אז ביי אייך אין די הייזער גייען אלע מיט שייטלען"... – ווייל ביי זיי איז מען געגאנגען שוואכער אנגעטוהן (מיט ביי-האר).

### דער רבי האלט ווארט

עס איז געווען דאן עמיצער פון די חסידי'שע פרויען, וועלכע האט באלד דעם ערשטן מוצש"ק פארברענט איר שייטל, און א פאר חדשים שפעטער האט פאסירט אז איר קינד איז געווען אין א שטערבליכע סכנה ל"ע, די דאקטורים האבן שוין געהאט אויפגעזאגט דאס לעבן פון איר קינד.

כושים זענען אנדערש פון אנדערע מענטשן מיט די קאליר פון זייער הויט, לכאורה, וואס איז די רבותא? נאר דער פשט איז, מ'זאל נישט מיינען אז ער איז אן אנדערע סארט באשעפעניש, דעריבער זאגט די גמרא, אז ער איז פונקט ווי אן אנדערער מענטש, ער איז נאר אנדערש מיט זיין אויסערליכן אויסזעהן, ער האט בלויז אן אנדערע הויט-קאליר.

דאס זאגט אונז דער פסוק "וכוש", ווען איינער וועט זיך באנוצן מיט'ן ביישפיל פון "כוש" און זיך טוישן די דרויסנדיגע מלבושים, זאגענדיג אז פון אינעווייניג וועט ער אבער בלייבן דער זעלבער חסידישער איד פונקט ווי פריער, זאגט אויף דעם דער פסוק, אז אזא איינער "ילד את נמרוד": אט דער מאכט געבוירן די מרידה אינ'ם אייבערשטן, "הוא החל להיות גבור בארץ" ער איז דער אנהייבער פון דעם התגברות אין ארציות, זאל ער אבער וויסן אז ער איז דער "גבור ציד לפני ה'", ער שטארקט זיך צו גיין אקעגן דעם אויבערשטען, "על כן יאמר", אויף דעם מענטש וועט מען שטענדיג זאגן און אנווייזן: "כנמרוד גבור ציד", ער איז דער מורד וואס שטעלט זיך ארויס אקעגן השי"ת.

דער רבי זי"ע האט אויסגעפירט: "איך געדענק נאך פאר צוואנציג יאר צוריק (דאס איז געווען אין יאר תרע"ז, בשעת די ערשטע וועלט קריג, ווען דער רבי האט געפליכטעט פון ארשיווא קיין סאטמאר) ווען כ'האב דא געוואוינט, האט די דאזיגע משפחה (צילנדיג דערביי אויף א געוויסע אנגעזעענע משפחה) זיך נישט געוואלט משדך זיין מיט אזא איינעם וואס ביי יענעם אין די משפחה גייט מען אנגעטוהן מיט א שייטל, און היינט איז שוין דא שייטלען רח"ל אין די משפחה זעלבסט!

וואס עס האט זיך געטון אין די [illegible]
הערן אז ביי אייך אין די הייזער גייען אלע מיט שייטלען"... – ווייל ביי זיי איז מען געגאנגען שוואכער אנגעטוהן (מיט ביי-האר).

## דער רבי האלטווארט

עס איז געווען דאן עמיצער פון די חסידי'שע פרויען, וועלכע האט באלד דעם ערשטן מוצש"ק פארברענט איר שייטל, און א פאר חדשים שפעטער האט פאסירט אז איר קינד איז געווען אין א שטערבליכע סכנה ל"ע, די דאקטורים האבן שוין געהאט אויפגעזאגט דאס לעבן פון איר קינד.

דער רבי זצ"ל האט געהאלטן אינמיטן פארלערנען א שיעור אין בית המדרש פאר אונז בחורים.

אינמיטן איז די שוויגער פונעם מאמע פון דעם קינד אנגעקומען, און האט געשריגן מיט "קולי קולות" צום רבי'ן, דער רבי האט דאך פארשפראכן ברבים פאר די אלע "ערשטע צען" וואס פארברענען די שייטל "אלעם גוטס", זי איז דאך געווען פון די ערשטע צען – איז די טענה פון דעם מאמע'ס שוויגער – דער רבי מוז זעהן אז די קינד זאל געזונט ווערן.

דער רבי האט זיך שטארק איינגעהערט צו די צעבראכענע, שטארקע ווערטער, און האט אנגע-ווינטשן.

ס'איז איבעריג צו זאגן, דאס קינד איז ב"ה געזונט געווארן.O


# תושבי וויליאמסבורג, היו נכונים ליום השלישי!

## קומענדיגן דינסטאג פרשת בהעלותך הבעל"ט

וועט פארקומען אין וויליאמסבורג,

**אין זאל פון עדת יראים וויען**

די יערליכע גרויסע מסיבה

**להחזקת העדה החרדית בעיה"ק ירושלים**

פרטים יבואו

## פייערדיגע דרשה בנוגע די שייטל שערורי'

# פון הגה"צ אבדק"ק סאטמאר-לאנדאן שליט"א

### זונטאג פרשת במדבר העעל"ט אין ביהמ"ד הגדול דסאטמאר-לאנדאן יצ"ו

איבער דעם ענין וואס איז יעצט א מצות עשה שהזמן גרמא. די היינטיגע מצוה וואס איז יעצט שייך ביי כלל ישראל איז די מצוה פון "ואשריהם תשרפון באש"; מען איז עוסק אין די מצוה פון "לא תביא תועבה אל ביתך" און "שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו". איך וויל איבערזאגן עטליכע ווערטער וואס איך האב נעכטן געזאגט, מיט אביסל תוספות דברים.

די שאלה וואס איז נתעורר געווארן, מחמת דעם וואס מען האט געטראפן אז א גרויס חלק, אפשר רוב, פון די אינדיאנישע האר וואס ווערט עקספארטירט איבער די וועלט, איז באגלייט געווארן מיט אן איסור חמור פון עבודה זרה. מכח דעם זענען אלע מורי הוראות סמוכים בישראל ארויסגעקומען און גע'אסר'ט צו נוצן די אלע פאות; אלע שייטלען וואס שטאמען פון אינדיע וואס ביי זיי איז דא דער איסור פון עבודה זרה.

ברוב רחמי שמים, אשרי העם שככה לו, אז דער עולם הנשים האט דאס אויפגענומען בדחילו ורחימו. פון די הונדערטער, הונדערטער, אדער גאר טויזנטער שאלות מיט וואס מ'איז באפאלן אלע מורי הוראות, זעט מען די ערנסקייט און דאס יראת שמים פון דעם. און באמת האב איך געזאגט אז נישט אומזיסט האבן די נשים געהאט דעם זכות אז ביי מתן תורה האט דער אויבערשטער ערשט גערעדט צו די פרויען און שפעטער צו די מענער, ווי דער פסוק זאגט (שמות י"ט ג') "כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל". זאגט דער מדרש דערויף "לפי שהן זהירות במצוות יותר מאנשים", די פרויען האבן מער זהירות. במילא איז א דבר פשוט ביותר אז זייער אויפירונג דארף גענוצט ווערן פאר אונז אלס א דוגמה צו זיין פאראינטערעסירט וואס עס איז פשט פון דעת תורה, וואס איז דער פשט פון דעת השלחן ערוך און מען דארף דאס נאכגיין איינגעוואוינען איז, אז מען דארף נוצן די סינטעטישע שייטלען. ביי די סינטעטישע שייטלען איז נישטא דער איסור פון עבודה זרה און אין די סינטעטישע שייטלען איז אויך נישט דא דער איסור פון זלזול אין די ענינים פון צניעות, וואס זייער אסאך חכמי ישראל האבן געזען א מורא'דיגן התדרדרות אין דעם ענין פון שייטלען. עס איז ליידער געקומען צו א מצב אז אין די חשוב'סטע און פיינסטע שטיבער ווייסט מען גארנישט. מען טיילט גאר קאמפלימענטן אז מען זעט גארנישט אז זי האט חתונה געהאט; זי זעט אויס פונקט אזוי ווי זי האט אויסגעזען אלס מיידל. מען מוז וויסן דאס מציאות, אז דאס וואס ווערט אויסגענוצט פאר א קאמפלימענט, זאל מען וויסן אז דאס איז גובל מיט א שאלה פון עריות!

במילא איז יעצט די צייט, אזוי ווי די חשובע אידישע מענער האבן נעגעבן עידוד אז אין שטוב זאל מען נזהר זיין נישט צו נוצן די זאכן וואס האבן אין זיך א חשש פון איסור עבודה זרה, זאל נישט שטיין בלייבן אינמיטן וועג נאר מען זאל ווייטער גיין מיט'ן איסור אויף אלע סארט שייטלען וואס אין רוח חכמים נוחה הימנו. איך רעד שוין נישט פון עצם שייטלען, פון די וואס האלטן אז מען דארף בכלל נישט גיין מיט שייטלען, ווי מ'זעט אין די צוואה פון חתם סופר און פון דברי חיים און פון אסאך צדיקים. איך גיי יעצט נישט אריין אין דעם. אשרי חלקם פון די וואס היטן זיך און האלטן זיך מיט די תקנה און די צוואה.

אבער אפילו די וואס האבן נישט מקבל געווען ממסורת אבותיהם די חומרא, זאל מען אבער וויסן אז דער ענין פון שייטלען בכלל איז אריבער אלע גבולים, מער ווי די רוחק'ריגסטע היתרים וואס מען האט זיך אמאל פארגעשטעלט. מען האט קיינמאל זיך נישט פארגעשטעלט אז לאנגע שייטלען וואס פראפאגאנירט אז די שייטלען וואס זענען די מערסטע מאדערנסטע שייטלען, וואס זעען די מערסטע אויס ווי שער אדם, וואס שטאמען פון די אייראפעאישע מדינות, וואס דאס איז די טייערסטע, אז די שייטלען זענען גאר אויסגעהאלטן ח"ו. עס איז אפשר נישטא ביי דעם דער גרויסער חשש פון עבודה זרה, אבער עס איז דא דערביי גאר א גרויסער חשש אז דאס איז אבסעלוט נישט אויסגעהאלטן לפי דרכי הצניעות פון בנות ישראל, און מען זאל זיך פון דעם דערווייטערן.

יעדעם שייטל וואס מען האט א ספק דערין, זאל א ירא אלקים זען זיך משתדל זיין צו לעזן דעם פראבלעם, מיט דעם אז מען גייט אריבער צו ערליכע און צניעות'דיגע שייטלען וואס שטאמען פון סינטעטישע. פארוואס דארף מען אריינגיין אין ספיקות, פארוואס זאל מען לעזן די פראבלעמען מיט ספיקות? ס'איז אן אריכות דברים אויף די אלע ענינים וחלקי הלכה, אבער אויב קען מען לעזן דעם פראבלעם איז דאס ממש אן ענין פון איכא דרכא אחרינא. מען קען קויפן שייטלען וואס זענען סינטעטיש אויף וואס ס'איז נישטא קיין שום ספיקות, צו וואס דארף מען קויפן א זאך וואס האט ספיקות?!

דער ענין וואס גייט ארום, דער זאגט אז דאס איז בסדר און דער זאגט אז דאס איז בסדר, כך דרכה של יצר הרע אז מען ברענגט אריין א מישמאש מיט כלבולים און מיט דעם איז מען מתיר את האסורים. מען זאל פון דעם נזהר זיין. על כל פנים דער מסקנת הדברים איז, אז מען דארף וויסן אז סיי די אינדיאנישע שייטלען וואס האבן צו טאן מיט עבודה זרה, און סיי די שייטלען וואס האבן צו טאן מיט פריצות, איז אלו ואלו נשרפין בבית הדשן, ביידע!

איך וויל מעורר זיין אויף נאך נקודות. אזוי ווי הויכן פרייז. ווייל די סוחרים זענען געבליבן אין סטאק מיט זאכן וואס טויגן נישט, דארפן די אלע ארעמע יונגעלייט און משפחות באצאלן דערפאר? איז דאס יושר אז מען זאל צאלן פאר א זאך וואס איז ווערד צוואנציג פונט אויפ'ן מארקעט ביי די שווארצע גוים, דארף מען דא צאלן דערפאר הונדערט פונט? פינף אדער זעקס מאל אזויפיל? דאס איז גניבה און גזילה גמורה!

א צווייטע נקודה זאל מען וויסן. עס איז ליידער אזוי, אז אין די זעלבע צייט וואס כלל ישראל שטעלט זיך אוועק בדחילו ורחימו מקבל צו זיין דעם דעת תורה ויראת שמים, אין די זעלבע געלעגנהייט איז דא א מקום פאר אלע לצים צו נוצן דעם ענין אויף ליצנות, צו מאכן ליצנות דורך די מאביילס און אזעלכע צעטלעך וואס מען גיט ארויס, מען מאכט ליצנות פון די רבנים. ויבוא גם השטן בתוכם (איוב א' ו') אז עס איז דא אזא גראטשקע ביי כלל ישראל מיינט איר אז דער שטן בלייבט אינדרויסן? ער האט אויך אן ארט. די לצים האבן שוין אן ארט ליצנות צו מאכן פון תלמידי חכמים; ליצנות מאכן פון צניעות'ריגע אידישע טעכטער, און ליצנות מאכן פון רבנים וואס פסק'ענען.

דאס איז דער תפקיד פון די לצים; דאס איז שוין אן אלטער חשבון ביי כלל ישראל. ווען דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו ביים מן: "בוקר וראיתם את כבוד ד'" (שמות ט"ז ז'), ווען ס'איז געווען דער גרויסער התגלות כבוד ד' ביים מן, זענען אויך געווען לצים וואס זענען געגאנגען און האבן שבת געווארפן מן אינדרויסן צו מאכן ליצנות פון משה רבינו. עס איז געווען אזא מורא'דיגער התגלות ביי כלל ישראל, יעדער איז נתפעל געווארן פונעם מן, אבער דער שטן האט זיך דארט אויך אריינגעכאפט. על כל פנים, עס איז א [illegible]

יראת שמים פון דעם. און באמת האב איך געזאָגט אַז נישט אומזיסט האָבן די נשים געהאַט דעם זכות אַז ביי מתן תורה האָט דער אויבערשטער ערשט גערעדט צו די פרויען און שפּעטער צו די מענער, ווי דער פסוק זאָגט (שמות י"ט ג') "כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל". זאָגט דער מדרש דערויף "לפי שהן זהירות במצוות יותר מאנשים", די פרויען האָבן מער זהירות. במילא איז אַ דבר פשוט ביותר אז זייער אויפירונג דאַרף גענוצט ווערן פאַר אונז אַלס אַ דוגמה צו זיין פאַראינטערעסירט וואס עס איז פשט פון דעת תורה, וואס איז דער פשט פון דעת השלחן ערוך און מען דאַרף דאס נאָכגיין אפילו ווען מען ווייסט אַז ס'איז אַזוי מורא'דיג שווער פאַר נשים מוותר צו זיין אויף אַ זאך וואס זיי זענען געווען צוגעוואוינט, און ביי זיי כאַפּט דאָס אַ ריזן חלק פון זייער תפיסת החיים, נאך פיל מער ווי ענליכע זאַכן ביי מענער, און פאָרט האָבן זיי מוותר געווען דערויף. אשריהם ואשרי חלקם.

במילא זאָל מען וויסן דעם איסור נישט צו נוצן פיאות נכריות; נישט צו נוצן שייטלען וואס שטאַמען פון אינדיע. דער איסור איז געבליבן כתוקפו און אַלע שייטלען, סיי די וואס זענען עקספּאָרטירט פון אינדיע, אין סיי וואָס עס איז עקספּאָרטירט פון אנדערע מדינות וואס בשורשם זענען די שייטלען פון אינדיע, איז דאָ דערויף גאָר אַ שטאַרקער חשש פון איסור עבודה זרה, און עס איז אָנצונעמען אז מען דאַרף די אַלע שייטלען פאַרברענען.

דער ענין וואס כלל ישראל דאַרף זיך יעצט בכלל נישט גיין מיט שייטלען, ווי מ'זעט אין די צוואה פון חתם סופר און פון דברי חיים און פון אַסאַך צדיקים. איך גיי יעצט נישט אַריין אין דעם. אשרי חלקם פון די וואָס היטן זיך און האַלטן זיך מיט די תקנה און די צוואה.

אבער אפילו די וואס האבן נישט מקבל געווען ממסורת אבותיהם די חומרא, זאָל מען אבער וויסן אַז דער ענין פון שייטלען בכלל איז אַריבער אַלע גבולים, מער ווי די דוחק'דיגסטע היתרים וואס מען האט זיך אַמאָל פאָרגעשטעלט. מען האט קיינמאל זיך נישט פאָרגעשטעלט אז לאנגע שייטלען וואס מען טראָגט היינט, אז דאס זאָל זיין די צורה פון שייטלען וואס בנות ישראל זאָלן גיין. דער טאַטע שליט"א שרייבט, און אלע גדולי ישראל פון ארץ ישראל און אמעריקע און פון איבעראל האָבן קלאָר געזאָגט, אז דער ענין פון די לאנגע צעלאָזענע שייטלן איז אַן איסור גמור פון פרוע ראש. איך וויל נישט גיין ווייטער אבער על כל פנים אַן איסור גמור פון פריעת ראש, וואס אפילו דער מגן אברהם זאָגט אז אַ מיידל טאָר נישט ארויסגיין פרוע ראש, ממילא איז דאס אַן איסור גמור.

זאָל מען וויסן אז מען האט זיך שוין יעצט צוגעוואוינט צי די סינטעטישע, זאָל מען זיך מיט דעם האַלטן, און נישט דורכדעם אַריבער גיין צו לאַנגע שייטלען. מען זאל אבסעלוט נישט נאָכגעשלעפּט ווערן נאָך די אַלע פּראָפּאגאַנדע וואס מען פאַנגט יעצט אָן פריש אויפצואוועקן אז דאס איז כשר און דאס איז כשר, און מען דער ענין וואס גייט אַרום, דער זאָגט אַז דאס איז בסדר און דער זאגט אז דאָס איז כסדר, כך דרכה של יצר הרע אַז מען ברענגט אַריין אַ מישמאַש מיט בלבולים און מיט דעם איז מען מתיר את האסורים. מען זאָל פון דעם נזהר זיין. על כל פנים דער מסקנת הדברים איז, אז מען דאַרף וויסן אז סיי די אינדיאַנישע שייטלען וואס האבן צו טאָן מיט עבודה זרה, און סיי די שייטלען וואס האָבן צו טאָן מיט פריצות, איז אלו ואלו נשרפין בבית הדשן, ביידע!

איך וויל מעורר זיין אויף נאָך נקודות. אַזוי ווי כלל ישראל האט זיך אזוי שיין אַהערגעשטעלט, איבעית אימא דער עולם הנשים וואס זיי זענען געווען די ערשטע אין האבן זיך צוגעשטעלט און מוותר געווען אויף זייערע שייטלען, איבעית אימא די מענער וואס האבן זיך צוגעשטעלט מיט עידוד וחיזוק, אשרי חלקם פון די וואס האבן זיך צוגעשטעלט מיט אַ יראת שמים און אַן ערנסטקייט נישט נכשל ווערן אין חטאים. וויל איך זאָגן צוויי נקודות.

אפשר וועט מען נישט פאַרשטיין אזוי גוט, אבער מען מוז ביי דער געלעגנהייט מעורר זיין אַז די וואָס נוצן אויס דעם מצב און אַ סינטעטישע שייטל וואָס דאַרף קאָסטן צוואָנציג פונט פאַרקויפט מען פאַר הונדערט פונט, איז ממש ווי דער פסוק זאָגט (ש"ב י"ב ד') "ויקח את כבשת האיש הראש". אָרעמע אידן וואס האבן קוים געלט געהאַט צו קויפן די פריערדיגע ווערן באַלעסטיגט מיט אַזאַ ראס איז דער תפקיד פון די לצים; דאס איז שוין אַן אלטער חשבון ביי כלל ישראל. ווען דער אויבערשטער האט געזאָגט פאַר משה רבינו ביים מָן: "בוקר וראיתם את כבוד ד'" (שמות ט"ז ז'), ווען ס'איז געווען דער גרויסער התגלות כבוד ד' ביים מן, זענען אויך געווען לצים וואס זענען געגאַנגען און האָבן שבת געוואָרפן מן אינדרויסן צו מאַכן ליצנות פון משה רבינו. עס איז געווען אַזאַ מורא'דיגער התגלות ביי כלל ישראל, יעדער איז נתפעל געוואָרן פונעם מן, אבער דער שטן האט זיך דאָרט אויך אריינגעכאַפּט. על כל פנים, עס איז אַ שאָד. אַזוי איז דער מצב, אבער מיר זענען מוחה בכל תוקף אויף די ליצנות.

איין זאַך דאַרף מען זאגן פאר די אלע וואס נוצען די מאַביילס אויף די זאַכן: הלואי וואָלטן די מענער אָנגענומען די הוראה זיך צו דערווייטערן פון קאָמפּיוטער, אינטערנעט און די טריפה'נע מאָביילס וואס איז לעצטענס אַרויסגעקומען און עס איז טרוף טריפה; עס איז גילוי עריות, עבודה זרה און שפיכת דמים, אלע דריי זאַכן איז דא דאָרט. הלואי זאָלן זיי מיט אַזאַ ערנסקייט אויפנעמען דאָס האַרבקייט פונקט ווי די פרויען האבן אויפגענומען דעם ענין פון די שייטלען.

און אַז דער אויבערשטער וועט העלפן אז מען וועט זוכה זיין און מבער זיין די עבודה זרה, וועט אונז דער אויבערשטער מזכה זיין מיט רוח הטומאה יעביר מן הארץ, בהתגלות כבוד שמים במהרה בימינו.

**וואויל איז פאר די נשים צדקניות וועלכע האבן געהאט דעם דרייסט**

# אוועקצווארפן די גע'אסר'טע שייטלען און אנשטאט זיך אנגעטון א שפיצל

**אייערע מעשים האבן פאראורזאכט א ריכטיגן קידוש השם, און גרויס איז אייער זכות**

## השם יתברך זאל אייך באצאלן, אז אלעס וואס איר בעט זאל באלד ערפולט ווערן

**תושבי קרית יואל**

### דברי התעוררות בחומר הענין של לבישת פאה נכרית

# מאת כ"ק הגה"צ רבי חיים יודא ב"ץ שליט"א

### אבדק"ק סערדאהעלי יצ"ו

### אצל שיעור בפרקי אבות פרשת אמור שנת תשס"ד לפ"ק

...עס איז לעצטנס געווארן א התעוררות ביי רבנים וועגן שייטלען, מיר האבן שוין אויך גע'דרש'נט דערפון דעם שבת הגדול כאטש איך האב נישט געוואוסט אז עס איז דא אזא רעדע בכלל, וואס יעדער איינער ווייסט אז באמת איז דאס שוין אן אלטע איסור און רוב רבנים פון פריער האבן עס גע'אסר'ט, עכ"פ אונזערע רבנים, און ווער עס קוקט נאר אריין אין שלחן ערוך מיט די פוסקים זעהט דעם איסור מפורש, און די אלע גדולי הפוסקים דער חת"ם סופר און דער דברי חיים און ישועות יעקב וכו' כולם כאחד האבן עס גע'אסר'ט, און דער בעלזער רב ז"ל האט געזאגט זייער א שארף ווארט אז אלע גדולים וואס האבן געלערנט תורה מיט יראת שמים האבן עס גע'אסר'ט, (ער האט נישט געמיינט שולל צו זיין די מיעוט אמת'ע גדולים וואס האבן עס מתיר געווען נאר די וואס האבן זיך געוואלט אריינטון און זיך ארויפכאפן אויפן וואגן), מען קען געבן א סימן דערויף שייט"ל איז בגימטריא שט"ן.

אבער פון דעם ווילן מיר יעצט נישט רעדן, איך זאג עס נאר אז מען זאל וויסן אז די גאנצע שייטל איז א נייער אויפפאסונג און א שינוי מדרכי אמותינו הקודמות, און קיינער פארצייטנס פלעגט נישט אזוי גיין, ובפרט אלע אונזערע רבי'ס, וכל שכן די אלע תלמידי בעש"ט הקדוש דער נועם אלימלך און עבודת ישראל וכו' אין גם אחד וואס זייער רעבעצין איז געגאנגען אין א שייטל און נישט זייערע חסידים, און עס איז בכלל נישט. געווען די סדר צו גיין אזוי, ווי עס שטייט קלאר אין תשובות דברי חיים אז ער האט אלס יונגעדמאן געגעסן קעסט אין לייפניק אין דייטשלאנד, וואס כידוע איז דאס געווען די אויסגעלאסענסטע מאדערנסטע מדינה, שרייבט ער דארט אז מען האט כמעט נישט געזעהן אויף די גאס אז איינער זאל גיין אין א שייטל לבד מאיזה קלי הדעת, וזולתן האט זיך קיינער נישט געוואגט צו גיין אין א שייטל, און אפילו מען וואלט נישט אנגענומען להלכה ווי דער דברי חיים איז דאך זיכער אז ער איז נאמן אז דער מציאות איז אזוי געווען, און ווי לעכערלעך איז אז ביי אסאך איז עס גאר ווי א גאנצע איסור אפצוטרעטן פון א מסורה צו גיין מיט א שייטל, מען טאר נישט זיין פרומער פון די באבעס און די רעבעצין און יענע רעבעצין כאילו דאס איז אן אלט פארצייטישע מנהג און מנהג ישראל תורה היא, אבער נישט דאס איז אונזער ציל יעצט, פאקטיש איז עס ליידער אזוי געווארן די מצב היינט צוליב סיבות אז רובא דרובא פון היינט גייען יא מיטן שייטל וואס מען קען נישט צוריק דרייען, און דאס איז איינס פון די ווייען פון גלות אמעריקא, קודם איז געווען א גרויסע ירידה דורך די ערשטע וועלט מלחמה, און נאכדעם איז נוסף געווארען שבר על שבר די צווייטע וועלט מלחמה וואס נאכדעם האט מען זיך קודם גאדארפט צוזאמקלויבן און מחזק זיין דיא אמונה, און האבן מסירות נפש אויף שמירת שבת נישט מחלל צו זיין, וכשרות ושאר יסודי היהדות, און דער ענין איז ליידער געווארן פארנאכלעסיגט, עכ"פ מאיזה סיבה שיהיה גייט היינט כמעט די גאנצע וועלט אזוי לבד מיחידי סגולה, און עס איז שוין היינט שווער צו טוישן די מצב עד יערה ד' עלינו רוח טהרה ממרום.

אבער מען דארף וויסן אז דאס וואס די גדולים נאך דיא מלחמה האבן עס נישט גע'אסר'ט איז נישט ווייל מען האט געהאלטן אז דאס איז יעצט מותר, און מען קען נישט ברענגען קיין ראיה פון דעם וואס דער סאטמארער רב זי"ע האט נישט גערעדט אזוי דאהי דערפון, ווייל דאס איז געווען מטעם וואס מיר האבן דערמאנט אז עס איז נישט געווען דער זמן מוכשר דערצו, מען האט קודם געדארפט לוחם זיין אויף יודישקייט און אויפשטעלן מוסדות וכדומה, און ס'איז נישט געווען מיט וועם צום טיש צו גיין אין דער ענין, והא ראיה אז אין די תקנות פון קהל פון זיין בית המדרש אין סאטמאר פאד דיא קרוג, קען מען זען שווארץ אויף ווייס אז איינער וואס איז געגאנגען א שייטל האט נישט געקענט זיין א מיטגליד אין קהל, און ס'איז מפורסם אז ער פלעגט זאגן אינדערהיים צוויי דרשות, ביי זיך אין בית המדרש האט ער שטארק גערעדט קעגן שייטלעך, אבער ווען ער האט געזאגט דיא דרשה אין דיא גרויסע שוהל פון שטאט האט ער זיך געבעטן מען זאל אנטועון שייטלעך לפי המצב, און כל שכן אז דאהי נאכן קרוג איז געווען שווער דער מצב.

איך בין אליינס א עד, אז דער לעצטער יאר וואס דער רבי איז געווען געזונט, אין יאר תשכ"ח, וואס זיין סדר איז געווען אז יעדע ווינטער פלעגט ער פארן אויף פלאדידע אפצורוען גופו הטהור, און ער פלעגט אהיימקומען געווענטליך צו שבת פרשת משפטים צום יארצייט פון זיין טאטן דער קדושת יו"ט זצ"ל, און יענעם יאר איז ער אהיימגעקומען דינסטיג פרשת משפטים שבת פאר די יארצייט, און דעמאלס איז פונקט אויך געווען אין פלארידע א יוד וואס א גרויס חלק פונעם ציבור קען אים מסתם ער הייסט ר' יצחק לעווי ער איז א ערליכער יוד א תלמיד חכם און א מקורב צום רבי'ן, ער איז דעמאלס געווען א ביזנעסמאן האט ער שוין געדארפט מאנטיג צוריקקומען אין ארבעט, איז ער געקומען זינטיג זיך צו געזעגענען פונעם רבי'ן זי"ע, האט דער רבי זיך אנגערופן צו אים: איציק עס איז געקומען די צייט וואס אי"ה נאך איך וועל אהיימקומען וועל איך זיך נעמען איבער די שייטלען, עס איז ביז יעצט נישט געווען לפי המצב דער זמן מוכשר דערצו, אבער יעצט פילט ער אז ער האט שוין אויפגעשטעלט א נייער דור וואס זענען סרים למשמעתו און ער האט שוין אייגענע תלמידים וואס מען קען טון דערוועגן, איך געדענק דעמאלס זעמער געווען אין כולל וואס איז דעמאלס געווען אויף יוז סטריט אין ר' ישראל זופניק'ס הויז, (איך געדענק נישט פונקטליך אויב עס איז געווען זונטיג נאכמיטאג אדער מאנטיג נאכמיטאג) איז דער ר' יצחק לעווי ארויף געקומען אין כולל און געזאגט אז מען זאל זיך רישען אויף גרויסע זאכן ווען דער רבי קומט אהיים ווייל ער גייט טוען אין דעם ענין און מ'ווייסט אז צו וואס דער רבי האט זיך גענומען איז ער געגאנגען עד הסוף און ער האט אויסגעפירט, אזוי האט ער דערציילט פאר אונז אין כולל מסיח לפי תומו, אבער ליידער איז לא אסתייעא מילתא ווייל יענער פרייטיג צונאכטס איז ער צוזאמגעפאלן און ער איז געווארן נישט געזונט, עכ"פ זאל זיך קיינער נישט איינרעדן אז וויבאלד ער האט נישט גערעדט דערפון האט ער געהאלטן אז

משה שטרנבוך
ראב"ד
לכל מקהלות האשכנזים
מח"ס מועדים וזמנים ושו"ת תשובות והנהגות
רב בית הכנסת הגר"א, ור"מ במרכז התורה הר-נוף

RABBI MOISHE STERNBUCH
CHIEF RABBI
and Vice President of
of the Orthodox Rabbinical Courts
JERUSALEM

בית דין צדק
לכל מקהלות האשכנזים
שע"י "העדה החרדית"
פעיה"ק ירושלם תובב"א

BETH DIN ZEDEK
OF THE ORTHODOX
COMMUNITY JEWISAH
JERUSALEM ISRAEL

בעש"ט הקדוש דער נועם אלימלך און עבודת ישראל וכו' אין גם אחד וואס זייער רעבעצין איז געגאנגען אין א שייטל און נישט זייערע חסידים, און עס איז בכלל נישט געווען די סדר צו גיין אזוי, ווי עס שטייט קלאר אין תשובות דברי חיים אז ער האט אלס יונגערמאן געגעסן קעסט אין לייפניק אין דייטשלאנד, וואס כידוע

מחלל צו זיין, וכשרות ושאר יסודי היהדות, און דער ענין איז ליידער געווארן פארנאכלעסיגט, עכ"פ מאיזה סיבה שיהיה גייט היינט כמעט די גאנצע וועלט אזוי לבד מיחידי סגולה, און עס איז שוין היינט שווער צו טוישן די מצב עד יערה ד' עלינו רוח טהרה ממרום.

אבער מען דארף וויסן אז דאס וואס די

ווינטער פלעגט ער פארן אויף פלארידע אפצורוען גופו הטהור, און ער פלעגט אהיימקומען געווענטליך צו שבת פרשת משפטים צום יארצייט פון זיין טאטן דער קדושת יו"ט זצ"ל, און יענעם יאר איז ער אהיימגעקומען דינסטיג פרשת משפטים שבת פאר די יארצייט, און דעמאלס איז פונקט אויך

דערציילט פאר אונז אין כולל מסיח לפי תומו, אבער ליידער איז לא אסתייעא מילתא ווייל יענער פרייטיג צונאכטס איז ער צוזאמגעפאלן און ער איז געווארן נישט געזונט, עכ"פ זאל זיך קיינער נישט איינרעדן אז וויבאלד ער האט נישט גערעדט דערפון האט ער געהאלטן אז

---

# משה שטרנבוך

ראב"ד

לכל מקהלות האשכנזים

מח"ס מועדים וזמנים ושו"ת תשובות והנהגות

רב בית הכנסת הגר"א, ור"מ כנרבו התורה הר-נוף

סגן נשיא העדה החרדית

בעיה"ק ירושלים ת"ו

RABBI MOISHE STERNBUCH

CHIEF RABBI

and Vice President of

of the Orthodox Rabbinical Courts

JERUSALEM

Rechov Mishkalov 13 Har-Nof Jerusalem Tel:02-651-9610

בס"ד

ט"ב לעבג"י תשס"ד

בענין הפיאות משער טבעי ומפורסם באלו בחו"ל אין לחשוש, שכל דפריש מרובא פריש, הרבר טעות גמור, ומבואר בפוסקים (תבו"ש ופמ"ג יו"ד ס"ג) שאין סומכין ברובא פריש, אלא אם הטריפות נמכרות בשוה כמו הכשרות, אבל כל שהטריפות נמכרות בזול יותר שוב אין לסמוך על כל דפריש, והרי השערות בהודו בזול מאוד, והשיער האירופי וכדומה נמכרות פי כמה משער הודו וכן הטיב שונה, ואם כן אי אפשר לצרף לרוב.

ויש עוד לציין שמומחים טוענים שאפשר להכיר במשמוש וטביעת עין לבקי, ושוב אין לסמוך על רוב ובפרט באיסור ע"ז.

וכן כשהמוכר שומר מצות אפשר לשאול אותו אם קנה בהודו או קוריאה, ושוב הרי קבוע ואין רוב.

ועל כולם אני תמה אטו באיסור טריפות נסמוך בבשר שמרוב חנויות אף שמצוי מיעוט, והלא ישראל עם קדוש מתרחקים מכל חשש איסור וכ"ש בע"ז, וידוע ונתברר שבסין וקוריאה ואירופא מצוי מאוד שערות הודו.

לכן אין לסמוך על שום היתרים מדומים, וכל מי שמעבר מביתו חשש ע"ז מוכיח בזה נאמנותו לאבינו שבשמים ושכרו רב מאד, ולא ישמעו לקול המתירים מסברות בעלמא בלי הוכחות ברורות, רק יקדישו ש"ש להיזהר מכל חשש ח"ו.

והנני מצפה בכליון ממש לישועת ה' ורחמי שמים מרובים, וזכות ביעור ע"ז יעמוד לנו למליץ והישועה קרובה לבוא בס"ד.

משה שטרנבוך [illegible]

הנני מצטרף [illegible] לדברי רבינו הראב"ד שליט"א

נאם [illegible]

נאם [illegible]

---

# בית דין צדק

לכל מקהלות האשכנזים

שע"י "העדה החרדית"

פעיה"ק ירושלם תובב"א

רח' שטראוס 26 / א

ת.ד. 5006 טל. 02-6252808 פאקס 02-6221317

BETH DIN ZEDEK

OF THE ORTHODOX

COMMUNITY JEWISAH

JERUSALEM ISRAEL

26 STRAUSS ST.

P.O.B. 5006 TEL. 02-6246345 FAX 02-6221317

בס"ד

כ"ב אייר תשס"ד

הננו בשורותינו אלו בדבר הלכה פסוקה. ידוע שמקובל מדור אחר דור על אנשי ישוב הישן פה ירושלם עיה"ק תובב"א שנהגו כסברת הפוסקים האוסרים לבישת פיאה נכרית לנשים.

מבלי להכנס למחלוקת הפוסקים זו.

ומבלי להכנס על מה שנפרץ מאד בעוה"ר בדורנו שנשים נשואות לובשות פיאה נכרית שנראות כבתולות שעל לבישת פיאה נכרית כזו אין לזה שום היתר בדברי הפוסקים.

ועתה באנו לגלות בזה דעתינו דע"ת כי השערות מארץ הודו שמתמם הם מתנגזזים לשם ע"ז בבית תיפלתם הן ותערובתם יש עליהם דין תקרובת ע"ז ואסורים בהנאה מן הדין.

ולהשומעים יונעם ותבוא עליהם ברכת טוב.

וע"ז באעה"ח חביד"צ פעיה"ק ירושלם תובב"א

נאם [illegible]    נאם [illegible]

נאם [illegible]    נאם [illegible]

נאם [illegible]

צוציען דיא אויג.

און צו דיא אלע אויבנדערמאנטע פראבלעמען איז בזמנינו בעוונותינו הרבים נאך צוגעקומען די איסור פון תקרובת עבודה זרה, וואס דאס איז באמת נישט קיין פרישע געשעעניש עס איז שוין אלט אסאך יאהרן, און איז נישט קיין נפקא מינה וואס עס וועט זיך אויסקאכן מיט דעם, וואס אפילו אלע רבנים וועלן חס ושלום פה אחד זאגן אז עס הייסט נישט קיין עבודה זרה און מען וועט עפעס טרעפן א היתר, אבער אף על פי כן טאר מען נישט פארגעסן פון די אנדערע איסורים, און אנדערע מכשולים וואס קומען ליידער ארויס דערפון הרהורים און הסתכלות, וואס אויף אלעס איז זי עתידה ליתן את הדין אויף די אלע הרהורים וואס זי האט צוגעברענגט מיט איר ארויסגיין אויפן גאס מיט אזא שייטל אלעס איז אויף איר חשבון, און נאכדעם קומט עצמו בלבד יצא אלא ללמד על הכלל כולו יצא, פון דעם קומט ארויס א כלליות'דיגע טענה אויף אונז, מען רעדט דאך דא צו חשובע יודען חסידים ואנשי מעשה, ווי נעמט זיך אזא מין קרירות צו א דבר שבקדושה אזוי ווי ס'איז דא

**(פארזעצונג אויף קומענדיגע זייט)**

# הלכה למעשה

## תשובה להלכה לדעת המעשה אשר יעשון

## מאת עמוד ההוראה בעל "קנה בושם"

## מרן הגר"מ בראנדסדארפער שליט"א

ב"ה. פעיה"ק ירושלם ת"ו, עש"ק כ"ג אייר ל"ח למ"ט מונים תשס"ד לפ"ק

שוכט"ס למע"כ הרה"ח המפו' מו"ה ... ... .... הי"ו

אחדשה"ט הנני עתה באתי על דבר שאלתך בנוגע למה שיצא השמועה כי הפיאות הנפוצים בעולם עשויות משערות המובאים מארץ הודו, שיש חשש גדול עלידם שהם אסורות משום תקרובת ע"ז, ואסור ללבשם, ע"כ ת"ד.

הנה נכון הדבר כי כל הפיאות נכריות העשויות מהשערות הנגזזים במקום טומאתם הן תקרובת ע"ז ממש, והם אסורים בהנאה, ופשוט שאסור ללבשם **וצריך לבערם מן העולם** כמבואר בשו"ע יו"ד סי' קמ"ז, ובשאר פוסקים.

